STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07656

ZALMEN ZILBERTSVAYG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן זילבערצווייג

יובל־בוך

•

אַרויסגעגעבן פון יובליי־קאָמיטעט
צו זיין דרייסיק־יאָריקן
ליטעראַרישן יובליי

•

ניו־יאָרק, 15 פעברואַר 1941

אינהאַלט:

אב. קאַהאַן — באַגריסונג
שלום פּערלמוטער — דער יוביליאַר 5
ביבליאָגראַפיע 28
לאַלאַ — אַ לעזער אַ למדן 41
מרים זילבערצווייג — נישט קיין וואונדער 42
דר. צבי כהן — נישט אַ סיום, נאָר אַ התחלת הספר 48
י. מ. פּליאַט — זלמן זילבערצווייג און דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט" 49
ש. ל. שניידערמאַן — אַלס „סטאַר" אין זילבערצווייגס איינאַקטערס 53
י. ל. וואַהלמאַן — אין די טעג פון געזאַנג 55
שמחה פּיעטרושקאַ — לשמחתך 59
מלך ראַוויטש — דער „לאָדזשער מענטש" 60
ראובן גוסקין — אונדזער ערן־מיטגליד 63
חיים עהרענרייך — אַ טאַפּלטער מאָנומענט 69
יעקב קירשענבוים — דער באַפּוצער פון יידישן טעאַטער 72
דר. מאיר גייער — אַ שטאַרקער רצון — עקשנות'דיק 75
דר. מ. סודאַרסקי — זלמן זילבערצווייג אין ליטע 79
שמואל ראָזשאַנסקי — זלמן זילבערצווייג אין אַרגענטינע 88
ש. ערנסט — דער לעקסיקאָגראַף פון יידישן טעאַטער 92
מאַרים שוואַרץ — זלמן זילבערצווייג—דער משולח פון יידישן טעאַטער 96
יעקב קאַליך — מיין יום־טוב 101
מאיר קאַסטאַף — זילבערצווייג אין זילבער־צווייג 83 103
רעגינאַ פּעלדאַן — אָן עפּאָלעטן 106
שאול ספּיר — צען וואָפן 108
אברהם רייזען — צו מיין תלמיד! 111
דער לעבעדיקער — אנבכ"כב 112
אלי' זינגער — די ליטעראַטור ביי דער שיסל 115
וואָלף מערקור — מער־קור־יאַז 117
אבשלום זילבערצווייג — מיין אבא 118
באַגריסונגען.

266 TRIO PRESS, INC. Printed in U.S.A.

זלמן זילבערצווייג

באַגריסונג פון אב. קאַהאַן
רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס"



FORWARD BUILDING
NEW YORK N.Y.

JEWISH DAILY FORWARD
World's Largest Jewish Daily
175 EAST BROADWAY
NEW YORK, N.Y.

צו מיין פריינט זילבערצווייג:

איך באגריס אייך צו דעם יובילעי יום טוב פון אייער דרייסיג יאהריגע טעטיגקייט אלס שרייבער און כלל טוער. אייער ראלע אין עפענטליכען לעבען איז מיר גוט באקאנט. פילע יאהרען ווייט איהר געווען פארבונדען מיט דעם "פארווערטס", פריהער אלס קארעספאנדענט פון פוילען און פאלעסטינע און דערנאך אלס מיטארבייטער אין אמעריקע. איך האב שטענדיג אין אייך געפונען א פעהיגען, איבערגעגעבענעם ציוניסט מענש און א ספעציאליסט אויף דעם געביט פון טעאטער. אייער טעאטער לעקסיקאן איז א וויכטיגער בייטראג צו דער געשיכטע פון אידישען טעאטער אין דער גאנצער וועלט.

איך ווינש אייך לאנגע יאהרען פון ווייטערע טעטיגקייט.

אב. קאהאן.

אב. קאהאן

FORWARD BUILDING
CHICAGO, ILL.

THE GATEWAY TO THE JEWISH MARKET

זלמן זילבערצווייגס יובל־בוך

שלום פערלמוטער

דער יובילאַר

צו זיין גענוי, פראַוועט מיר אַ שטיקל נדחה, וואָרום דער 30 יאָריקער ליטעראַ־רישער יובילײ פון זלמן זילבערצווייג איז אויסגעקומען אין 1940.

אין יאָר 1910 האָט זלמן זילבערצווייג, אין עלטער פון 16 יאָר, אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַן איבערזעצונג פון יאַנוש קאָרטשאַקס סקיצע „ביינאַכט" אין דער טעגלעכער יידישער צייטונג „לאָדזער טאַגעבלאַט" אונטער דער רעדאַקציע פון י. אוגער. זייט דעמאָלט האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע פרוכטבאַרקייט אויפן ליטעראַרישן געביט, און אַ דאַנק זיינע פעאי־קייטן און טיכטיקע אַרבעט, איז זיין נאָמען היינט פאָפולער אַלס יידישער שריפטשטעלער און נאָך מער אַלס יידישער טעאַטער־היסטאָריקער.

אַ גרופע פון זיינע נאָענטע פריינט האָט זיך אָרגאַניזירט אָפּ־צוגעבן דעם יובילאַר דעם געהעריקן כבוד, וואָס ער פאַרדינט. דיזעלבע גרופע האָט אויך געשאַפן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זיין ניי בוך „טעאַטער מאַזאַיק", אַ מין כל בו פון זיינע טעאַטראַלע אַרבעטן, וואָס ער האָט געדרוקט אין משך פון צענדליקער יאָרן אין פאַרשידענע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן איבער דער וועלט.

זילבערצווייג האָט דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטע לעבנס־געשיכטע. ער האָט דורכמאַרשירט די גאַנצע יידישע וועלט, אין אייראָפע, ארץ ישראל, צפון און דרום אַמעריקע, איז געקומען אין באַרירונג מיט צענדליקער טויזנטער יידן פון פאַרשידענע שיכטן, האָט אָרגאַניזירט אָרגאַניזאַציעס, האָט אָנגעפירט מיט טעאַטער טרופעס, האָט געאַרבעט אין צייטונגען, רעדאַקטירט פעריאָדישע אויסגאַבעס, האָט אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער, איז אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנער און לעקטאָר, האָט געשפּילט טעאַטער, האָט געשריבן פאַרן טעאַטער, און האָט געשאַפן אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס פאַרנעמט גאָר אַן

אַנגעזען אָרט אין דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור, און דאָס אַלץ אין משך פון זיין יונג לעבן, אין וועלכן ער איז ערשט אַריבער־געשפּאַנט 46 יאָר.

אָבער דאָס אַלץ איז נישט קיין צופאַל, ווייל די סביבה אין וועלכער דער יובילאַר איז אויפגעצויגן געוואָרן, האָט אין אים איינ־געפלאַנצט זיין צוגעבונדנקייט צו יידישער קולטור און צו יידיש נאַציאָנאַל לעבן בכלל.

אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל אָזאָרקאָוו, וואו זלמן זילבער־צווייג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1894, האָט זיך די השכלה אַריינגעכאַפּט באַלד ווי זי האָט נאָר אָנגעהויבן שיינען אין פּוילן. אַ געוויסער זילבערמאַן האָט נאָך מיט איבער 50 יאָר צוריק אַרויסגע־געבן עטלעכע העפטן פון אַ יידיש־אַראַביש ווערטערבוך, און אין די ווינטער פון דעם שטעטל האָבן שוין אין יענער צייט די יונגע וועבער־געזעלן געזונגען לידער פון די בראָדער, גאָלדפאַדען, מיכל גאָרדאָן און אליקום צונזער, זיך גרופּירט אין פאַרשידענע גרופּן און אויפגעפירט פאַרשידענע פּורים־שפּילן אין די וועבערייען און אויף די בוידעמס פון די רייכערע יידן. אַ טייל פון די דאָזיקע וועבער זיינען אויך שפּעטער געוואָרן יידישע שוישפּילער, און איינער פון זיי, הערמאַן סיעראַצקי, איז עס שפּעטער געווען דער ערשטער דירעקטאָר פון אונדזער יובילאַר. זילבערצווייגס מוטער, רויזע אַפּאַטאָווסקי, פלעגט שטענדיק זינגען די האַרציקע לידער פון גאָלדפאַדען און מאַגולעסקאָ, וואָס כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז זיי שטאַמען פון אַזאַ נישט־כשר׳ע זאַך ווי טעאַטער, זיינען זיי אָבער יידישלעך, און זי האָט זיך צו זיי באַצויגן מיט דער זעלבער אינטימקייט און ליבע ווי צום טייטש־חומש, און האָט די ליבע איינגעוואָרצלט ביי איר זון זלמן.

זלמן זילבערצווייגס פאָטער, צבי הירש הכהן זילבערצווייג, כאָטש אַ שטרענג פרומער, איז פון זיין פריעסטער יוגנט אָן געווען אַ גוואַלדיקער אַנהענגער פון דער השכלה. ער האָט ווי ווייט מעגלעך זיך פאַרשאַפט די דעמאָלטיקע העברעאישע מאספים און אויך פאַר־שידענע דייטשע ביכער וועגן יידישער וויסנשאַפט און זיי געלייענט, אָדער ריכטיקער, געלערנט, מיט דער זעלבער התמדה ווי גמרא און תוספות, וואָס ער האָט געלערנט אין בית המדרש פון לענטשיץ. דאָרט האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין דעם העקטאָגראַפישן העברעאישן זשורנאַל „הבחור״, וואָס די ישיבה־בחורים האָבן אַרויסגעגעבן. וואָס

מער ער האָט זיך באַקענט מיט דער השכלה־ליטעראַטור און וואָס מער ער האָט זיך אַריינגעטאָן אין יידישער וויסנשאַפט, אַלץ ענגער איז אים געוואָרן אין דעם קליינעם שטעטל, כאָטש מאַטעריעל האָט ער ניט געדאַרפט זאָרגן וועגן פרנסה, ווייל זיין פאָטער, ר' יעקב, איז געווען אַ וואַלד און היטע־אייגנטימער און איז געווען איינגעטונקט אין יחוס, פון איין זייט ציִענדיק זיין סדר היוחסין פון מלב"ים און פון דער אַנדערער זייט זייענדיק נאָענט פאַרוואַנדט מיטן דעמאָלטיקן גרעסטן יידישן אינדוסטריעלער און מיליאָנער אין פוילן, י. ק. פאָזנאַנסקי, האָט אָבער זלמנס פאָטער אַנדערש געקוקט אויפן לעבן און געזען די בויטיקייט פון מאַכן זיך בוצלעך אַלס ייד און מענטש, און אין דער היינזיכט האָט ער, ווי אַ סך פרומע משכילים, געזען איין אויסוועג — פאָרן קיין פראַנקפורטביים מיין און דאָרט אויסשטודירן אַלס ראַבינער. סבות האָבן אים אָבער געשטערט דורכצופירן זיין חלום. ער איז דערוייל אַריין אין שפאַן פון לעבן, האָט חתונה געהאַט,



צבי הירש זילבערצווייג
זלמנס פאָטער

רויזע זילבערצווייג
זלמנס מוטער

געבוירן צוויי קינדער אין אָזאָרקאָוו און אין 1897 זיך אַריבערגע־טראָגן אין דער שכנותדיקער גרויסער שטאָט לאָדזש, וואו ער האָט אַ שטיקל צייט געפירט אַ טעקסטיל געשעפט. ערשט דאָ אין לאָדזש,

אין דער גרויסער שטאָט, האָט צבי הירש זילבערצווייג געפֿונען אַ פּלאַץ וואו זיך אויסצולעבן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער חבת ציון באַוועגונג, איז געוואָרן איינער פון די גרינדער פון דער „מזרחי״־פּאַרטיי, דער אָרטאָדאָקסישער פליגל אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אויף דעם געביט האָט צבי הירש זילבערצווייג אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע טעטיקייט אין וואָרט און אין שריפט. באַהערשנדיק אויף אַ וואונדערלעכן אופן די העברעאישע שפּראַך, באַזונדערס איר תנ״ך־סטיל, איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער לאָדזשער „מזרחי״־אָרגאַניזאַציע, האָט געפירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט דער ציוניסטישער אָנפירערשאַפט, האָט פאַרפאַסט אַן אַ שעור אויפרופן און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, האָט געהאַלטן רעדעס, דורכגעפלאָכטן מיט מאמרי חז״ל, באַגרינדענדיק דעם אָרטאָדאָקסישן ציוניזם. לאָדזש איז געווען אַ גוואַלדיקער באָדן פאַר אָט דער טעטיקייט. לאָדזשער יידן זיינען אין יענער צייט על פי רוב געווען אָרטאָדאָקסיש געשטימט, חסידים פון פאַרשידענע רב׳ישע הויפן. ביי זיי איז ציוניזם געווען טרייף־פּסול, נישט קיין סך בעסער האָבן זיי געקוקט אויף דער „מזרחי״־באַוועגונג און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ סך וויסן, טאַקט און ענערגיע כדי צו שטורמען אָט די פרומע פעסטונגען פון אַנטי־ציוניזם, און דאָך איז צבי הירש זילבערצווייג יאָרן־לאַנג נישט מיד געוואָרן צו טאָן אָט די קעמפערישע אַרבעט, ביז זיין מי האָט אַרויסגעוויזן פרוכטן און דער „מזרחי״ אין לאָדזש איז געוואָרן אַ וואונדערשיינע אָרגאַניזאַציע מיט פיל געוועזענע חסידים, פאַרברענטע קעגנער פון ציוניזם.

די ליבע און איבערגעבנקייט צו ישוב ארץ ישראל, אויפבוי פון לאַנד, שקלים, נאַציאָנאַלפאָנד, און די צוגעבונדנקייט צו העברעאיש, זיינען געווען די גייסטיקע שפּייז אויף וועלכע זלמן איז אויפגעצויגן געוואָרן דורך זיין פאָטער.

אָבער זיין אינטימע באַציאונג צו דער ציוניסטישער אַרבעט האָט נישט צוגענומען ביי זלמנס פאָטער דעם אינטערעס צו יידישער קולטור בכלל, און אונטער יידישער קולטור האָט ער אַריינגענומען אויך די יידישע שפּראַך. זייענדיק איינער פון די ערשטע פאַרטרעטער פון די העברעאישע צייטונגען „המליץ״ און שפּעטער „הצפירה״ אין לאָדזש, פון וואו ער האָט אויך געשריבן פון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדענציעס, איז צבי הירש זילבערצווייג, באַלד ווי עס האָט נאָר

אָנגעהויבן צו דערשיינען אין וואַרשע די יידישע צייטונג „דער טעלעגראַף״, געוואָרן איר פאַרטרעטער אין לאָדזש. זעענדיק דעם אינטערעס צו אַ יידישער צייטונג ביי די לאָדזשער יידן, איז צבי הירש זילבערצווייג געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז פאַראַן אין לאָדזש פּלאַץ פאַר אַן אייגענער יידישער צייטונג און ער האָט פריער נישט גערוט ביז ער האָט אָרגאַניזירט די משכילים: אבא קאסמאַן, אברהם טענענבוים, דעם זשורנאַליסט י. אוגער און שפּעטער דעם דרוקער עמנואל האַמבורסקי אַרויסצוגעבן אין לאָדזש די ערשטע טעגלעכע צייטונג „לאָדזער נאַכריכטען״ (וואָס האָט זיך שפּעטער געענדערט אויף „לאָדזער טאַגעבלאַט״) אין וועלכער ער האָט אַ געוויסע צייט אונטערן פּסעוודאָנים „צבי׳ה״ געדרוקט וועכנטלעכע פעלייטאָנען אין יידיש אונטערן נאָמען „בכל מכל כל״. אָט דער סינטעז פון העברעאיש און יידיש איז איינגעוואָרצלט געוואָרן ביי זלמנן פון זיין פריסטער יוגנט אָן. דערצו האָט אים זיין פאָטער געגעבן לערנען נישט ביי חסידישע פאַרשמאָלצענע מלמדים, נאָר גראד ביי אַ ליטוואַק, פינקעלשטיין, אַ קענער פון העברעאיש און אַ בעל מדקדק, און זלמן האָט זיך טאַקע גענומען פון זיין קינדהייט אָן אויסצייכנען אַלס ידען אין העברעאיש. שפּעטער האָט ער געלערנט אין „חדר מתוקן״ ביי דעם מזרחי׳סטישן עסקן ר׳ יעקב גאָלד, וואו ער האָט אויך שוין געלערנט דייטש און רוסיש ווי אויך געאָגראַפיע און אַריפמעטיק ביי ספּעציעלע לערער, דערנאָך ביים משכיל ר׳ יעקב קאַמענעצקי, ביי וועלכן ער האָט אויף אַ מערקווירדיקן אופן געלערנט גלייכצייטיק גמרא און . . . פראַנצויזיש. די אַלע לערער און מלמדים האָבן שטענדיק אויסגעדריקט זייער באַוואונדערונג פאַר דער גוואַלדיקער תפיסה פון זלמנען און גלייכצייטיק פאַר זיין אויסערגעוויינלעכער התמדה וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ רעפּעטיטאָר פאַר די שוואַכערע תלמידים.

זלמן האָט אויף אַזאַ אופן איינגעזאַפּט אין זיך די אייגנשאַפטן אי פון אַ נאַציאָנאַלן ייד, אי פון אַ מאָדערנעם מענטש. אויב די קאָנפליקטן צווישן אָט די צוויי כחות „פאָלק און וועלט״, וועלכע דער פריערדיקער אויפוואַקסנדער דור האָט דורכגעמאַכט אין אייראָפּע אין סוף פון לעצטן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון איצטיקן, האָבן צוגערויבט ביי אונדזער פאָלק גרויסע מאסן פון אונדזער יוגנט, וועלכע זיינען אַוועק אויף פרעמדע וועגן און האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון

די אמת׳ע יידישע פאָלקס־אינטערעסן, האָט זלמן זילבערצווייג, אַ דאַנק זיין דערציאונג, געהאַט פאַר זיך אַ צוגעגרייטן סינטעז פון מאָדערנעם מענטש און מאָדערנעם יידן, און אויף אָט דעם דאָזיקן וועג איז ער געגאַנגען אין משך פון די 30 יאָר זייט ער האָט זיך געשטעלט אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע.

עס וואָלט געווען פון אונדז אַ גרויסע עולה אָפּצושאַצן זלמן זילבערצווייגן נאָר אַלס דער היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער און רעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, ווייל אין משך פון די 30 יאָר, וואָס ער איז צום ערשטן מאָל דערשינען אויפן יידישן ליטעראַרישן פעלד, האָט ער זייער ערלעך געדינט דעם יידישן וואָרט און דער יידישער קולטור און געשאַפן צענדליקער ביכער אויף פאַר־שידענע געביטן, געבנדיק אָבער דער אויבערהאַנט דער פאָרשונג און געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

זלמן זילבערצווייג איז געבוירן געוואָרן דעם 27 סעפּטעמבער 1894 (כו אלול תרנ״ד) אין אָזאָרקאָוו, קאַלישער גובערניע, רוסיש־פוילן. אין אָנהייב 1897 איז ער געקומען מיט זיינע עלטערן און אַ יונגערע שוועסטער אין לאָדזש, וואו, נאָכן באַזוכן פאַרשידענע מאָדערנע חדרים, האָט זיין פאָטער באַשלאָסן אים צו שיקן קיין ארץ ישראל, וואו ער זאָל זיך לערנען לאַנדווירטשאַפט אין „מקוה ישראל״, און אַלס צוגרייטונג דערצו, האָט ער אים פריער געשיקט אין דער איקאָ־פאַרם אין טשענסטאָניעוו, וואַרשעווער גובערניע. דאָ האָט זלמן געלערנט אייניקע חדשים, אָבער די אומאָרדנונג אין דער פאַרם האָט ביי אים צוגענומען דעם חשק דאָרט ווייטער צו לערנען, און אָפּשטעלנדיק זיך אין וואַרשע, האָט ער איבערגעגעבן פיל פאַקטן וועגן דער אומאָרדנונג אין דער פאַרם צו ש. י. יאַצקאַן, וועלכער האָט זיי אין זיין צייט פאַרעפענטלעכט אין זיין צייטונג „היינט״, און דורכדעם צוגעפירט צו די נויטיקע רעפאָרמען. דער געדאַנק וועגן אָפּשיקן זיין בכור קיין ארץ־ישראל לאָזט אַלץ נישט רוען זלמנס פאָטער, און ער באַשליסט אים צו שיקן שטודירן אין דער העברעאישער גימנאַזיע פון יפו, אַלע פאָרברייטונגען זיינען שוין פאַרטיק, אָבער די מאַטעריעלע אומשטענדן דערלאָזן דאָס נישט, און עס ווערט געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס. זלמן ווערט אין 1907 געשיקט קיין לידע, ווילנער גובערניע, אין דער דאָרטיקער ישיבה אונטער דער אָנפירונג פון הרב ריינעס, פאָרזיצער פון אַלוועלטלעכן „מזרחי״. אָבער אויך דאָ לערנט

זלמן נאָר איין זמן, צוציענדיק דורך דער קורצער צייט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט אַלס „אַ גוט קעפּל". ער קאָן זיך אָבער נישט צוגע־וועהנען צום געדאַנק צו ווערן אַ רב, ווייל ער געפינט זיך אונטערן איינדרוק פון דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט זיך אָנגעלייענט פון די סאַמע פריעסטע קינדער־יאָרן פריער אין זיין פאָטערס שטוב, און שפּעטער אין דער בוכהאַנדלונג, וואָס זיין פאָטער עפנט צוזאַמען מיטן אויבנדערמאָנטן אבא קאָסמאַן, וואו ער האָט געאַרבעט אַ האַלב יאָר, און ער קומט צוריק אין לאָדזש, וואו ער פּרובט ווערן אַן איינבינדער, דערנאָך ווערט ער אַ האַנדלס־אָנגעשטעל־טער אין אַ פּאַפּיר־געשעפט, שפּעטער אין אַ שמאַטע־לאַגער, און דאַן אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. אין דער פריער צייט לערנט ער זיך אַליין פרעמדע שפּראַכן און לייענט דייטשע און רוסישע ביכער, נישט קענענדיק גאָרנישט די לאַנדס־שפּראַך — פּויליש, וועלכע ער לערנט אָבער שפּעטער ביי אַ יידישן סטודענט פון דער אָרטיקער מלוכה־גימנאַזיע.

געפינענדיק זיך כסדר אין אַ ספערע פון משכילים און שרייבער, וואָס פלעגן אַריינקומען אין זיין פאָטערס בוכהאַנדל און פאַרקערנדיק אין קרייז פון דער רעדאַקציע, הייבט זלמן אָן שרייבן צו 11 יאָר. אין זיין גרויסן אַרכיוו ליגן נאָך זיינע ערשטע זאַכן, געשריבן מיט אַ קינדערישע האַנטשריפט, אָבער סוף כל סוף הייבט ער אויך אָן טראַכטן וועגן דרוק, און נישט קאָנענדיק צוקומען אין ערגעץ מיט אַן אייגענער זאַך, באַגנוגנט ער זיך באין ברירה דערמיט, וואָס אין 1910 ווערט אין „לאָדזער טאַגעבלאַט" געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים „סאַלאָמאָן" זיינע אַן איבערזעצונג פון יאַנוש קאָרטשאַקס אַ סקיצע. אין דער זעלבער צייט דערשיינט אויך זיינע אַן איבערזעצונג אין דער וואָכנשריפט „אייראָפּעאישע ליטעראַטור", וואָס גייט דעמאָלט אַרויס אין וואַרשע אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם רייזען.

זלמן טרעט אַריין אַרבעטן אין אַן אַנאָנסן־ביוראָ, און די פרייע שעהן נוצט ער אויס פון איין זייט זיך צו פאַרפולקומענען אין למודים, און פון דער אַנדערער זייט הייבט ער זיך אָן אָפּצוגעבן מיט געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. נעמענדיק אין אַכט, אַז דער פאַראיין „חובבי שפת עבר" איז אַ מין בורזשואַזנע פעסטונג צו וועלכע אַר־בעטער און בכלל פאָלקס־מענטשן קאָנען נישט צוקומען, גרינדעט ער אַ יוגנט־פאַראיין „לומדי שפת עבר", וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע

צו לערנען זיינע מיטגלידער העברעאיש און שטודירן די העברעאישע ליטעראַטור. אין קעגנזאַץ צו „חובבי שפת עבר", איז דער יוגנט־פאַראיין אַן אומפּאַרטייאישער און אין אים טרעטן אַריין אפילו בונדיסטן, וואָס ווילן זיך אָבער באַקענען מיט דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. זלמן ווערט דער פאַרזיצער פון דעם פאַראיין, וואָס איז אַן אומלעגאַלער און ער ליידט דערביי זייער פיל פון פּאָליציייאישע נגישות. צו שטאַרקן די מיטלען פון פאַראיין אָרגאַניזירט זלמן אַ העברעאישע פאָרשטעלונג, וואָס איז אין איירעפּע בכלל די ערשטע העברעאישע פאָרשטעלונג אין אַ ט ע אַ ט ע ר, בעת אַלע פריערדיקע פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אין זאַלן.

גלייכצייטיק שרייבט אָבער זלמן ווייטער און איבערזעצט אויף יידיש, און דרוקט שוין אָפטער אין דער לאָדזשער יידישער פּרעסע, וואו ער פאַרעפנטלעכט אויך אין 1912 אַנאָנים אַ באַאַרבעטן צייטונגס־ראָמאַן „דער פאַרשטעלטער שפּיאָן" און שפּעטער אַנדערע ראָמאַנען. אָבער זיין גרעסטן אינטערעס ווייזט ז. אַרויס צום יידישן טעאַטער.

לאָדזש, די שטאָט מיט פאַרשידענע קולטורן, האָט אויך טעאַטערס אין פאַרשידענע שפּראַכן: יידישע, דייטשע, פּוילישע און גאַסטראָלירנדע רוסישע. זלמן ווערט אַן אייפריקער טעאַטער־באַזוכער און זעענדיק דיומאַס פּיעסע „קין", ווערט ער אַזוי גערירט פון דער טראַגעדיע פון אַקטיאָר, וואָס ווערט אין איר אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט, אַז ער איבערזעצט באַלד די פּיעסע אויף יידיש און טראָגט זיך מיט איר אַרום ביי פאַרשידענע טרופּעס זי אויפצופירן. אָבער זעענדיק דעם נידעריקן מצב פון פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער, אָרגאַניזירט ער אַליין אַ גרופּע אינטעליגענטע ליבהאָבער פאַר וועלכע ער זעצט אויך איבער פּיעסעס, פירט זיי אויף מיט זיי און שפּילט אַליין די הויפּטראָלן. אין דער זעלבער צייט געלונגט אים פאַרט צוצוקומען צום פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, וואו עס ווערט צוערשט אויפגעפירט זיין איבערזעצונג פון דעם דייטשן פאַרס „ראָבערט און בערטראַם" און שפּעטער „קין", וואָס איז אויך זיין ערשט געדרוקט בוך.

דאָס שפּראַכן־פּראָבלעם יידיש־העברעאיש ווערט דורך זלמנען געלעזט פּאָזיטיוו. אין דער זעלבער צייט, וואָס ער איבערזעצט פּיעסעס פאַרן יידישן טעאַטער און ראָמאַנען און דערציילונגען פאַר דער יידישער פּרעסע און פירט אָן מיט אַ יידישער ליבהאָבער־גרופּע,

אָרגאַניזירט ער אויך די ערשטע העברעאישע פאָרשטעלונג אויפן גרויסן פאַרנעם מיטן אנטייל פון פראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן, ווי עס איז געווען יוליוס אַדלערס שפּילן גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״ און דר. הערצלס „דאָס נייע געטאָ״ אויף העברעאיש, און ער איז אויך דער איניציאַטאָר פון דעם טורנעע פון דער „הבימה העברית״ מיט די צוויי פּיעסעס אויפן 11טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, וואו ער באַטייליקט זיך אויך.

נאָכן גרויסן דערפאָלג פון „קין״, איז זלמן אַנגאַזשירט געוואָרן פון די דירעקטאָרן פון לאָדזשער „סקאַלאַ״ טעאַטער יוליוס אַדלער און הערמאַן סיעראַצקי אַלס איבערזעצער און ליטעראַרישער לייטער פון זייער טעאַטער, און דאָ ווערן אויפגעפירט זיינע איבערזעצונגען „האַמלעט״ פון שעקספּיר און „די אָנגעשטעקטע״ פון בריע ווי אויך זיין דראַמאַטיזאַציע פון דעם צייטונגס־ראָמאַן „די שרעקלעכע סודות״.

ווען דער ערשטער וועלט־קריג ברעכט אויס, איז ז. אָנגעשטעלט אין דער גרויסער אַנאָנסן־פירמע י. ל. מעטצל אַלס פאַרוואַלטער פון דער דייטשער און יידישער אָפּטיילונג, אָבער אַזוי ווי די פירמע איז אַן עסטרייך־אונגאַרישע, מוז זי אָפּשטעלן איר טעטיקייט, און ז. ווערט אַ שטיקל צייט אַרבעטסלאָז, באַלד אָבער ווערט ער אַן אָנגע־שטעלטער אין דער אונטערשטיצונגס־אָפּטיילונג ביי דער לאָדזשער שטאָט־פאַרוואַלטונג. זיין אויפגאַבע איז צו באַזוכן דעם אָרעמסטן טייל פון דער באַפעלקערונג, צווישן וועלכע עס זיינען דעמאָלט אומגע־גאַנגען פאַרשידענע עפּידעמיעס, און קאָנטראָלירן זייער רעכט אויף שטיצע. אין דער פרייער צייט פאַרנעמט זיך ז. מיט איינאָרדנען פאָרשטעלונגען אין לאָדזש און אין דער סביבה. ער פאַרשטאַרקט זיין ליבהאָבער־גרופּע און באַפעסטיקט זי מיט נייע פרישע יונגע כחות, פון וועלכע עס האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט עטלעכע גוטע שוישפּילער פאַרן פראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. אין רעפּערטואַר ווערן אַריינגענומען אַזעלכע פּיעסעס ווי קאָברינס „דער דאָרפסיונג״ (אין וועלכער די הויפּטראָל „נאַטאַשאַ״ ווערט געשפּילט פון מרים שפּיראָ, מיט וועלכער ער האָט חתונה אין 1917), און טאָלסטאָיס „מאַכט פון פינסטערניש״. די זעלבע גרופּע, מיט נאָך אייניקע ספּעציעלע אָנטיילנעמער, פירט אויך אויף אייניקע העברעאישע פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע עס ווערן געשפּילט אין זלמנס העברעאישע איבערזעצונג הערמאַן הייערמאַנס איינאַקטער „„היהודי הנצחי״ (שפּעטער דער־

שינען) ווי אויך די פּיעסע „דוד מלך ישראל", וועלכע זלמנס פּאָטער האָט אַדאַפּטירט פון עפּלבערגס „דוד אין דער וויסטע", זיין פּאָטערס איבערזעצונג פון שלום עליכמ׳ס „אַגענטן" און נאָך אַנדערע איינ־אַקטערס און פּיעסעס. דאָסמאָל ווערט די טרופּע, וועלכע באַקומט דעם נאָמען „לידא" (לאָדזשער יידישע דראַמאַטישע אַרטיסטן), שוין אַ האַלב־פּראָפעסיאָנעלע און זי פאָרט אַרום איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, וואו זי האָט אַ גרויסן דערפאָלג.

אין 1916 ווערט זלמן אַנגאַזשירט אַלס רעדאַקציע־מיטגליד אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", וואו אַ לענגערע צייט פילט ער אַליין אויס די צייטונג. שפּעטער ערשט, ווען די מאַטעריעלע לאַגע פון דער צייטונג פאַרבעסערט זיך, נעמט ער איבער די פירונג פון לאָקאַלן טייל, אָבער אויסערדעם דרוקט ער דאָרט פיל איבערזעצונגען פון דערציילונגען, שרייבט פעליעטאָנען, פּאָליטישע אַרטיקלען און רע־צענזיעס וועגן יידישן טעאַטער, ווי אויך איבערזעצט ער פאַר דער צייטונג מאָפּאַסאַנס ראָמאַן „בעל אַמי" אונטערן נאָמען „דער שיינער בחור", וואָס דערשיינט שפּעטער אין וואַרשע א"נ „דער ליבער פריינד", און גיט אַרויס אַ זאַמלונג פון איבערזעצונגען אונטערן נאָמען „הומאָר און סאַטירע" און אייניקע קינדער־איינאַקטערס. אַ געוויסע צייט פירט ז. נאָך אָן זיין ליבהאָבער־גרופּע. באַלד אָבער, צוליב טעכנישע טעמים, מוז ער אָפּשטעלן די טעטיקייט פון דער גרופּע און ער וואַרפט זיך דעמאָלט אַריין מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פלייס צו שאַפן פאַרן יידישן טעאַטער. זיין איבערזעצונג „שמשון און דלילה", וועלכע ער האָט נאָך אין 1912 געשפּילט מיט ליבהאָבער, ווערט אויפגעפירט אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער, ער איבערזעצט אַ דראַ־מאַטיזאַציע פון דאָסטאָיעווסקיס „פאַרברעכן און שטראָף", נאַטאַנ־סאָנס „הינטער מויערן", פּאול לינדויס „דער אַנדערער", זודערמאַנס „יאָהאַניספייער", שענהערס „דאָס טייוול־ווייב", וואָס ווערן אַלע אויפגעפירט אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. ער זעצט אויך איבער נאָך פיל פּיעסעס, צווישן זיי בערנאַרד שאָוס „פרוי וואָרענס פּראָפעסיע", וואָס זיינען נאָך ז׳ערווייל ניט געשפּילט.

ז. זעט אָבער, אַז אויב דאָס פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער האָט שוין איבערגעבראָכן מיט זיין אַלטן רעפּערטואַר און פירט שוין אויף דאָס בעסטע פון וועלטלעכן רעפּערטואַר, זיינען אָבער די יידישע ליבהאָבער־גרופּעס, באַזונדערס אויף דער פּראָווינץ, אין אַן אויסער־

געוויינלעך שווערע לאַגע, נישט האָבנדיק קיין נייעם רעפּערטואַר אויסער די געציילטע אייגאַקטערס, וואָס זיינען שוין אַלע לאַנג אָפּגעשפּילט, און מיט אַן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע נעמט ער זיך שאַפן אַ נייעם רעפּערטואַר פאַר אָט די ליבהאָבער, און אַזוי איבער־זעצט ער, באַארבעט און פאַרפאַסט אַליין איבער 40 אייגאַקטערס, פון וועלכע 25 דערשיינען אין די פאַרלאַגן „יידיש" און א. גיטלין

פאָטאָגראַפירט אין לאָדזש, 1920
פון לינקס צו רעכטס: זלמנס פאָטער צבי הירש, זלמנס זיידע יעקב, זלמן און זיין זון אבשלום.

אין וואַרשע. אָט דערדאָזיקער רעפּערטואַר האָט ממש אויפגעלעבט די גאַנצע יידישע פּראָווינץ אין פּוילן. איבעראַל האָבן זיך אָרגאַניזירט ליבהאָבער־קרייזן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע קולטור־טעטיגקייט אויף דער פּראָווינץ, און זילבערצווייגס נאָמען איז דעריבער געוואָרן זייער פּאָפּולער.

ז. געפינט אָבער נאָך געגוג צייט מיטצוהעלפן אָרגאַניזירן דעם ערשטן יידישן ליטעראַטן פאַראיין אין לאָדזש אין וועלכן ער ווערט באַלד געוויילט אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, און אויפן ערשטן צו־זאַמענפאָר פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, ווערט ער געוויילט אין צענטראַל־ראַט און נעמט אַ באַדייטנדן אָנטייל



פאַרוואַלטונג פון לאָדזשער יידישן ליטעראַטן פאַראיין

ערשטע ריי פון אונטן זיצנדיק, רעכטס צו לינקס: ז. זילבערצווייג, זשיטניצקי, ווינער. צווייטע ריי: יצחק קאַצענעלסאָן, בריסטאָווסקי. דריטע ריי, פון אויבן: בלוישטיפט, ראַדאָשיצקי, שעפנער, שפּיגעל, הערשעלע.

אין אויסאַרבעטן די סטאַטוטן פון פאַראיין. אין לאָדזש האָט דער פאַראיין, אַ דאַנק ז.׳ס איבערגעבענהייט און אַקטיוויטעט אַרויסגע־וויזן אַ גרויסע טעטיקייט סיי אויפן עקאָנאָמישן געביט פאַר זיינע מיטגלידער סיי אויפן קולטורעלן געביט פאַר דער אַלגעמיינער יידי־שער באַפעלקערונג.

ז.׳ס אינטערעס און שטרעבן צו קולטיווירן דאָס יידישע

טעאַטער קאָן זיך אָבער נישט באַגנוגנען מיט איבערזעצן פּיעסעס אָדער שרייבן וועגן יידישן טעאַטער, ווי זיין סעריע אַרטיקלען „צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער" אין „לאָדזער טאַגעבלאַט" און זיין איבערזעצן ה. בערגערס קאָמעדיע „דער מבול", וועלכע ווערט געשפּילט און דערשיינט אין דרוק, ווייל אים עגבערט דער געדאַנק וועגן פאַרצייכנען פאַר דער געשיכטע דעם גאַנצן גאַנג פון יידישן טעאַטער און נאָך מער פון זיינע כהנים. ער אַרבעט אויס אַ פּלאַן פון אַ „פּנקס פון יידישן טעאַטער", ענלעך צום ווילנער „פּנקס" מיט אַ געמיש פון רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", און צו דעם צוועק, כדי צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער יידישער טעאַטער־וועלט, הויבט ער אָן אַרויסצוגעבן אין 1922 אין לאָדזש, אויף זיין אייגענעם חשבון, אַ יידיש וואָכנבלאַט געווידמעט דעם טעאַטער. דאָס וואָכנבלאַט „טעאַטער און קינאָ" און שפּעטער „טעאַטער און קונסט", איז אַ געוויסע צייט דערשינען אונטער זיין אייגענער רעדאַקציע, און אַ געוויסע צייט אונטער דער געמיינזאַמער רעדאַקציע פון אים און לאַזאַר קאהאַן. אין דעם זשורנאַל האָט ער טאַקע פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן אויפרוף וועגן זיין געפּלאַנטן „טעאַטער פּנקס", דער שורש פון שפּעטערדיקן „טעאַטער לעקסיקאָן", און אָנגעהויבן קלייבן די מאַטעריאַלן פאַר יענעם ווערק, וואָס האָט אים געשאַפן זיין נאָמען אין דער יידישער קולטור־וועלט.

אַרבעטנדיק אין דער צייטונג און אָפּגעבנדיק יעדע פרייע שעה פאַר איבערזעצונגען און זאַמלען מאַטעריאַלן פאַרן „פּנקס", האָט ז. פונדעסטוועגן נאָך באַוויזן צו זיין אונטערן פּסעוודאָנים „סאָלאָמאָן" דער קאָרעספּאָנדענט פאַרן ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און פאַרן וואַר־שעווער „היינט" און „האַנדעלסבלאַט", ווי אויך צוויי יאָר אַרויסצו־געבן יאָרביכער אונטערן נאָמען „דער לאָדזער אינפאָרמאַטאָר", צוויי גרויסע ביכער מיט וויכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער שטאָט לאָדזש און באַזונדערס וועגן דעם יידישן אָנטייל אין דער אָרטיקער טעקסטיל־אינדוסטריע.

אָבער עס האָט אַלץ געצויגן ז'ן אין דער גרויסער וועלט. זיין זומער־אורלויב אין רעדאַקציע האָט ער אויסגענוצט אויף צו פאָרן קיין בערלין כדי דאָרט צו זען טעאַטער־אויפפירונגען. כאָטש לאָדזש אַליין איז געווען אַ גענוג גרויסע שטאָט, האָט אָבער די האַסטיקייט און די ענערגיע, וואָס האָט אין אים געשלאָגן, אים געמאַכט פילן

זיך ענג אין לאָדזש און ער האָט באַשלאָסן אין 1924 צו פאָרן קיין אַמעריקע. דורך אַ צופאַל איז ער אָבער אַנשטאָט קיין אַמעריקע גאָר געפאָרן קיין ארץ ישראל. זיין אָפּפאָרן איז געפראַוועט געוואָרן מיט אַ גרויסע פאָרשטעלונג, אויף וועלכער עס איז אויפגעפירט געוואָרן זיינע אַן אָריגינעלע קאָמעדיע פון לאָדזשער לעבן, און מיטן אָנטייל פון דער באַרימטער אַקטריסע אסתר רחל קאַמינסקאַ, וועלכע איז ספּעציעל געקומען פון וואַרשע, און עס איז דערשינען אַ פלוגבלאַט מיט זיין ביאָגראַפיע און אַן אַרטיקל פון זשורנאַליסט און טעאַטראַל מאַרק טורקאָוו.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאָלגענדע שטעל פון טורקאָווס אַרטיקל: „נישט קיין גרויסער מענטש, נאָר אַ קליין פשוט מענטשל, אַ קולטור־קבצן פאָרט פון אונדז אַוועק, אָבער אונדזער גאַנץ קולטור־לעבן איז דאָך אַזוי קבצניש, און אפילו קבצנים צווישן זיך האָבן דאָך אויך שמחות און פריידן. זיי וואָלטן אויך געוואָלט זיין שטענדיק צוזאַמען סיי אין פרייד, סיי אין לייד, און ווען אַ קבצן פאַרלאָזט זיי, טרויערן זיי און באַדויערן עס. . . . . און נישט קיין קאָנקורענט פטר'ן מיר דעריבער מיט זילבערצווייגס אָפּפאָרן, נאָר אַ גוטן ברודער און טיכטיקן אַרבעטסזאַמען חבר — אַן אח לצרה, און מיט זיין אָפּפאָרן ווערט אונדזער קבצנ'ישקייט אָרעמער מיט אַ ליבן קבצן".

אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל איז ז. אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט" און „היינט", און זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אונטער זיין נאָמען און פסעוודאָנים ז. כספי זיינען באַלד געוואָרן די סענסאַציע ביי די לעזער. ער אָרדענט איין אין תל אביב די ערשטע פאָרשטעלונג פון אַ העברעאיש רעוויו־טעאַטער „אל בכי", אין וועלכן ער באַטייליקט זיך, אָבער זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט אַליין באַפרידיקט אים נישט. ער ווערט שנעל צוגעצויגן צו דעם פּלאַן וועגן אַ טעקסטיל־שטאָט, וואָס עס האָבן אויסגעאַרבעט די ברידער ראָזענבערג און אינזש. זשעלינסקי. ער הויבט אָן פירן וועגן דעם פּראָיעקט אַ שטאַרקע שריפטלעכע אַגיטאַציע אין דער יידישער פרעסע אין פוילן, און באַלד פאָרט ער קיין פוילן, וואו ער טרעט אַרויס אויף מיטינגען אַלס אַגיטאַטאָר פאַר דעם פּראָיעקט. אין 1925 ווערט ער דורך דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָיעקט געשיקט אַלס זייער פאָרשטייער צום באַראָן ראָטשילד אין פאַריז כדי מיט אים צו פירן אונטערהאַנדלונגען.

צוריקגעקומען אין ארץ ישראל ווערט ז. דער אָפיציעלער סעק־רעטאַר פון דער געזעלשאַפט „מנור", וואָס נעמט זיך דורכפירן דעם פּראָיעקט וועגן דער טעקסטיל־שטאָט. גלייכצייטיק איז ער ווייטער קאָרעספּאָנדענט פאַר דער יידישער פּרעסע אין פּוילן, און הייבט אויך אָן, אונטערן פּסעוודאָנים ש. גלות, צו קאָרעספּאָנדירן פאַרן „פאָר־ווערטס". זיינע קאָרעספּאָנדענציעס פון ארץ ישראל רופן אַרויס די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אין אַמעריקע, ווייל זיי זיינען געשריבן אין אַ פּראָ־ציוניסטישן גייסט, און זיי האָבן זיך פולשטענדיק געדעקט מיט דער נייער פּראָ־פּאַלעסטינע פּאָליסי, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן פירן. גלייכצייטיק שרייבט ז. אויך פאַרן „טאָג" אונטערן פּסעוודאָנים ז. כספי.

נאָכדעם ווי ז. ציט זיך צוריק פון דער געזעלשאַפט „מנור", ווידמעט ער זיין פרייע צייט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער „פּערטער עליה" פון פּוילן, און דאָ טרעט ער אַרויס אויף העברעאיש און יידיש אויף עפנטלעכע מיטינגען און אויך מיט אַרטיקלען אין דער העברע־אישער פּרעסע. עס קומט אים אויס אין דער הינזיכט צו פירן אַ קאַמף מיט געוויסע פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער ז. קעמפט מוטיק פאַר זיינע גערעכטע פאָדערונגען פון גלייכבאַרעכטיקן דעם נייעם יידיש־פּוילישן עולה מיט די אימיגראַנטן פון די פריערדיקע עליות.

אין 1925 קומט דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אב. קאַהאַן אויף זיין ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל. ער באַפריינדעט זיך זייער מיט זיין קאָרעספּאָנדענט און באַקענענדיק זיך מיטן אוצר מאַטעריאַלן, וואָס זילבערצווייג האָט שוין באַוויזן אָנצוזאַמלען פאַר זיין געפּלאַנטן „טעאַטער לעקסיקאָן", פאַרבעט ער אים צו קומען אין אַמעריקע.

אין 1926 איז ז. צום ערשטן מאָל געקומען אין אַמעריקע. אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פון אב. קאַהאַן, איז ער אויפגענומען געוואָרן דורכן פּאַרוואַלטער פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן ראובן גוסקין, וועלכער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין פּראָיעקט וועגן „לעקסיקאָן" און דורכגעפירט, אַז די עקזעקוטיוו פון דער יוניאָן זאָל אינדאָרסירן דעם פּראָיעקט און וועגן דעם אַרויסשיקן אַן אויפרוף צו אַלע מיט־גלידער.

איינער פון די ערשטע חסידים פאַר דעם פּראָיעקט איז געווען דער באַקאַנטער שוישפּילער און טעאַטער־דירעקטאָר מאַקס גאַבעל,

וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער פאַרזיצער פון דעם „לעקסיקאָן״־קאָמיטעט.

און טאַקע אין דער גאַרדעראָב־צימער פון געבילן האָט מיך אַמאָל דער דעמאָלטיקער טעאַטער־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, פריינט חיים ערענרייך, באַקענט מיט דעם גאַסט, וועלכער איז געווען איינ־פאַרמירט וועגן מיינע טעאַטער־זאַמלונגען און איז געווען זייער פאַר־אינטערעסירט מיך צו באַקענען.

אַזוי ווי ערענרייך האָט אונדז נאָר פאַרגעשטעלט, האָט זילבער־צווייג באַלד גענומען ריידן וועגן „לעקסיקאָן״ און מיך געבעטן, אַז איך זאָל העלפן זיין אַרבעט דורכן אויסבאָרגן אים מאַטעריאַלן פון מיין רייכן טעאַטער־אַרכיוו.

און ווען זילבערצווייג איז געקומען צו מיר, האָט ער זיך באַלד אַריינגעוואָרפן מיט אַן עכט חסיד׳ישן ברען צו דער אַרבעט, און אַזוי ווי איך בין אויך געווען אַן עדות ביי די פריערדיקע נישט־דורכגעפירטע פּראָבעס פון שאַפן אַ טעאַטער־לעקסיקאָן, האָב איך באַלד איינגעזען, אַז איצט האָט דער לעקסיקאָן געקראָגן זיין אמת׳ן שאַפער, און אַז דאָסמאָל ביי דער געהעריקער הילף וועט ענדלעך דער פּלאַן וועגן אַ „טעאַטער לעקסיקאָן״ יאָ פאַרווירקלעכט ווערן.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויספירלעך צו באַשרייבן דעם ליידנסוועג, די פאַרשידענע שטערונגען און די איבערמענטשלעכע צרות, וואָס זילבערצווייג איז דורכגעגאַנגען אויף זיין וועג, ווי אויך די אומגלויבלעכע אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן כדי דורכצופירן דעם פּלאַן וועגן שאַפן דעם „לעקסיקאָן״. דאָס פאָדערט אַ באַזונדער בוך וועגן דער געשיכטע פון אַ מאַרטירער. און איך האָף, אַז אונדזער יובילאַר וועט דאָס אַמאָל אָנשרייבן און עס וועט זיכער זיין אַ וויכ־טיקער ביישטייער צו דער געשיכטע פון קאַמף פאַר דער יידישער קולטור.

דאָ וויל איך נאָר בקיצור באַמערקן, אַז נאָכן זיין אין אַמעריקע אייניקע חדשים, אין משך פון וועלכע ז. האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט פיל אַקטיאָרן און גענומען שטודירן די אַלטע יאָרגענג פון דער יידישער פּרעסע, איז ער צוריקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, דאָרט גרינטלעך דורכשטודירט די יידישע פּרעסע און פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פון ירושלים און אין דער שטאָט־ביבליאָטעק פון תל־אביב, און איז אין 1927 ווידער

געקומען אין אַמעריקע. דאָ איז ענדלעך געגרינדעט געוואָרן דער ערש־טער קאָמיטעט און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען פאַרן „לעקסיקאָן". זילבערצווייג אַליין האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט און דערביי אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. אין משך פון 3 חדשים האָט ער גע־שאַפן 5000 דאָלער, האָט אַרויסגעגעבן אַ פּראָספּעקט מיט אַרטיקלען וועגן „לעקסיקאָן" און זיין שאַפער און אַ ליסטע פון די ערשטע אַבאָ־נענטן, און האָט זיך געלאָזט אויף זיין ערשטער רייזע איבער אייראָפּע. אויף אָט דער רייזע האָט ז. באַזוכט פּוילן, גאַליציע, רומעניע, פראַנק־רייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך און לעטלאַנד. אין די אַלע לענדער האָט ער געזאַמלט מאַטעריאַלן, געשאַפן אַבאָנענטן און איינ־געאָרדנט טעאַטער־אָוונטן אויף וועלכע ער איז אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן וועגן לעקסיקאָן און וועגן יידישן טעאַטער.

דאָס אַלץ האָט אים אָבער נישט געשטערט בינו לבינו, בעת זיין אויפהאַלט אין פּוילן, דאָרט אַרויסצוגעבן דריי ביכער וועגן יידישן טעאַטער מיט מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט טיילווייז נאָר וואָס אָנגעשריבן אָדער צונויפגעזאַמלט פון די צייטונגען, וואו ער האָט זיי פריער געדרוקט.

אין 1929 איז ז. צוריקגעקומען אין אַמעריקע, און דאָ האָט ער מיט דער הילף פון „לעקסיקאָן"־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען באַזונדערס געווען אַקטיוו ר. גוסקין, מאַקס געביל, יעקב קאַליך, מאָריס שוואַרץ, אב. סינקאָף, יוסף רומשינסקי, טשאַרלס גראַל, יוליוס נאַטאַנ־סאָן, יעקב מעסטעל, באָריס טאָמאַשעווסקי, יעקב קירשענבוים, חיים ערענרייך, מנשה סקולניק, יצחק פעלד, און דער שרייבער פון די שורות, פאַרשטאַרקט דעם אַבאָנענטן־קאַמפּיין פאַרן „לעקסיקאָן" און גלייכצייטיק צוגעטראָטן, צוזאַמען מיט יעקב מעסטעל, צונויפצו־שטעלן די מאַטעריאַלן פאַרן ערשטן באַנד. אין 1930 איז ז. געפאָרן קיין ארץ ישראל און אָפּשטעלנדיק זיך אין פּאַריז, האָט ער דאָרט ווידער געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַרן לעקסיקאָן, אָבער ווען ער קומט צוריק אין סוף 1930, ווידמעט ער זיך איינגאַנצן דאָס רעדאַקטירן דעם ערשטן באַנד, וואָס דערשיינט אין אָנהייב 1931, און מאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. דער באַנקעט, וואָס די אַקטיאָרן יוניאָן אַראַנ־זשירט דעמאָלט לכבוד זילבערצווייגן, איז דער גרעסטער יום טוב אין דער יידישער טעאַטער־וועלט.

איצט ערשט אַנטשטייט די פראַגע ווי אַזוי ווייטער פאָרטצוזעצן דאָס אַרויסגעבן דעם „טעאַטער לעקסיקאָן". די מאַטעריעלע לאַגע אין יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט זיך באַדייטנט פאַרערגערט. די מאַטעריעלע הילף, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן יידישן אַקטיאָרן פאַראיין אין אַרגענטינע איז, אין פאַרהעלטניש צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, געווען זייער אַ באַשיידענע, פיל מיטגלידער פון קאָמיטעט זיינען אָדער מיד געוואָרן, אָדער זיינען געווען אָפּוועזנד פון אַמעריקע, אָבער זילבערצווייג ווערט נישט אַנטמוטיקט און פאַרלירט זיך נישט. ער נעמט וואַנדערן איבער אַמעריקע און קאַנאַדע צו שאַפן מיטלען פאַרן „לעקסיקאָן". די גאַנצע צייט פאַרנאַכלעסיקט ער אָבער נישט ווייטער צו זאַמלען מאַטעריאַלן און באַאַרבעטן די שוין פאַראַנענע, און פון צייט צו צייט באַווייזט ער נאָך פאָרטצוזעצן זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט.

אָבער די אַלע וואַנדערונגען, אָפט פאַרבונדן מיט שפיכת דמים און ערנידערונגען, קאָנען אָבער נישט דערפירן צו שאַפן דעם נויטיקן פאָנד ווייטער אַרויסצוגעבן דעם לעקסיקאָן. זילבערצווייג פאָרט דאַן קיין ארץ ישראל צו זיין פאַמיליע, שאַפט ביי זיי, אַלס הלואה, די נויטיקע סומע און פאָרט אָפּ קיין פוילן, וואו ער אַרבעט אייניקע חדשים אין ווילנער יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, באַרייזט פיל שטעט אין פוילן, ליטע, לעטלאַנד און זיצט חדשים לאַנג אין אַ מדבר, ערגעץ אין אַ ווייס־רוסישן דאָרף, וואו דער צווייטער באַנד ווערט געזעצט. באַשערט אָבער ז.'ן גרויס עגמת נפש און ווען מען טרעט צו דרוקן אין וואַרשע דעם צווייטן באַנד אַנטשטייען, צוליב טעכנישע סיבות, אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן, וואָס האָבן געקאָנט אַ מענטשן פון זינען אַראָפּפירן. זילבערצווייג איז אָבער די אַלע שוועריקייטן איבערגעקומען און אין 1934 איז אין וואַרשע דערשינען דער צווייטער באַנד פון „טעאַטער לעקסיקאָן". ז. פאָרט דאַן אַרום איבער אייראָפּע מיטן צווייטן באַנד, ער באַזוכט פוילן, רומעניע, לעטלאַנד, ליטע, ענגלאַנד, וואו ער אָרדענט איין גאָלדפאַדען־פייערונגען. אומעטום דערוועקט ער דורך זיינע רעפעראַטן דעם דרימלענדען אינטערעס צום יידישן טעאַטער און שאַפט מיטלען און מאַטעריאַלן פאַרן „לעקסיקאָן".

אין 1935 קומט זילבערצווייג ווידער אין אַמעריקע און ברענגט מיט זיך מיט דעם צווייטן באַנד, וואָס ווערט ווידער אויפגענומען מיט

גרויס פרייד. די אַקטיאָרן יוניאָן אָרדענט אים איין אַ פייערלעכן קבלת פנים און אַ פּרעכטיקן באַנקעט, דערקלערט אים אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט אַלס ערן־מיטגליד, און ז. וואַרפט זיך באַלד אַריין אין דער אַרבעט צו דעקן די חובות פון צווייטן באַנד און שאַפן מיט־לען פאַרן דריטן, לעצטן, באַנד פון „לעקסיקאָן". דאַסמאָל שטויסט ער זיך אָבער אָן אויף אַ האַרטער וואַנט: די מאַטעריעלע לאַגע פון יידישן טעאַטער איז אַ שווידערלעכע. די מיטגלידער פון קאָמיטעט, מיט קליינע אויסנאַמען, זיינען שוין מיד. זילבערצווייג איז אָבער נאָך נישט מיד. ער נעמט ווידער אונטער אַ טורנע איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, און דאַן פאָרט ער, אויף דער איינלאַדונג פון יידישן אַקטיאָרן פאַראיין אין אַרגענטינע, קיין דרום אַמעריקע.

זילבערצווייגס רייזע קיין דרום אַמעריקע איז געווען, אין מאַראַ־לישן זין פון וואָרט, אַ טריומף־רייזע פאַרן יידישן טעאַטער. דער דאָרטיקער יידישער אַקטיאָרן פאַראיין האָט איין נומער פון זיין אָרגאַן „טעאַטער" געווידמעט ספּעציעל דעם גאַסט, אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב קירשענבוים. אַ רייע באַרימטע יידישע שרייבער פון אַמעריקע האָבן אויפן וואַרעמסטן אופן רעקאָמענדירט דעם גאַסט פאַרן דרום אַמעריקאַנער יידנטום.

מיר דערלויבן זיך דאָ צו ציטירן אַ קליינעם טייל פון די אָנטייל־נעמער אין דעם זשורנאַל:

דר. א. מוקדוני (א בריוו): „איך וויל, אז איר זאָלט וויסן — איך שעץ זייער הויך אייער ענערגיע. איך בין זיכער, אז ווען נישט איר וואָלט קיין לעקסיקאָן נישט געווען. דער לעקסיקאָן האָט באַדאַרפט האָבן איינעם, וואָס זאָל עס מאַכן פאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע, און ער האָט זיך דערוואָרט אויף אייך. און ענערגיע איז אויך טאַלאַנט."

אברהם טייטעלבוים: „יאָ, כ'האָב מקנא געווען, אָבער נישט געוואָגט צו טראַכטן, אַז אַזאַ דערגרייכונג איז מעגלעך. און איצט — מיט 25 יאָר שפּעטער — איך האַלט אין דער האַנט די צוויי שוין דערשינענע בענדער פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", איך מיש די בלעטער פון אונדזער „גאָלדן בוך", אין וועלכן עס זיינען אַזוי זאָרגפעליק צונויפגעזאַמלט געוואָרן די בילדער און די ביאָגראַפיעס פון אונדזערע גרויסע און קליינע, באַרימטע און ווייניגער באַקאַנטע בינע־לייט. אַט די אַלע, אַט די אַלע וואָס שטעלן מיט זיך צונויף דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער, און מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט דאַנקבאַרקייט און פאַרוואונדערונג. יאָ, דאָס אומגלויבלעכע איז געשען."

אַנשעל שאָר: „זלמן זילבערצווייג האָט אויף זיך גענומען בויען אַ מאָנומענט דעם יידישן טעאַטער, און אַלס יסוד האָט ער קודם־כל אונטערגעלייגט זיין אייגן לעבן. די שווערע גייסטיקע און מאַטעריעלע אַרבעט מיט וואָס דאָס איז פאַרבונדן, האָט אים אָפּגעריסן פון זיין היים, פון זיין משפחה און פון זיין פרנסה. 23 יאָר ווי ער טראָגט דעם עול אויף זיינע פּלייצעס און עלף יאָר ווי ער איז נע־ונד, און מיט זיין וואַנדערשטעקן גייט ער (יאָ, ער גייט מער ווי ער פאָרט) איבער גאָר דער

וועלט, און זאַמלט מאַטעריאַל און מאַטעריע פאַר זיין לעבנס־ווערק — דעם „טעאַטער לעקסיקאָן."

יוסף רומשינסקי: „פאַר אונדזערע אויגן האָט אַ יונגערמאַן געאָפּפּערט זיינע בליענדסטע, בעסטע יאָרן פאַר אַ „יידישן טעאַטער לעקסיקאָן". פאַר מיר ליגן די צוויי פראַכטפולע בענדער פון דאָזיקן ווערק און שטענדיק, ווען איך קוק אויף די צוויי דיקע ביכער, ענטפערט מיר די פראַגע, — וואו האָט זיך גענומען צו איין מענטשן אַזוי פיל ענערגיע, מוט, קראַפט, זעלבסט־אָפּפּערונג און אויסדויער? האָט דאָס ווירקלעך אָפּגעטאָן איין מענטש מיט צען פינגער? ביי די אומות העולם וואָל גענומען 25 יאָר איידער מען וואָלט דאָס אַלץ צוזאַמענגעשטעלט, און עס וואָלטן דערויף געאַרבייט מער ווי הונדערט מוחות, — ביי אונדז האָט דאָס געטאָן איין זלמן זילבערצווייג."

מאַרק שווייד: „יעדער באַנד פונם „לעקסיקאָן" איז אַ פאַרכאַפּנדיק בוך צו בלעטערן אין אַ פרייען אָוונט ביי זיך אין הויז. מען ווערט מיטגעריסן, און דער אינטערעס ווערט כסדר אָנגעהאַלטן אַלצאיינס צי מען לייענט די קורצע, קאָמפּאַקטע ביאָגראַפיעס אין צען, צוואַנציק שורות, צי מען ווערט אריינגעצויגן אין דער אָפּ־האַנדלונג וועגן די בראָדער זינגער, וועלכע אַנטהאַלט אַליין צענדליקער פאַראייניצלטע ביאָגראַפיעס; צי מען כאַפּט אַ בליק אין דעם פאַנטאַסטישן לעבן פון פּראָפעסאָר משה איש הורוויץ הלוי, צי אין דעם אינטערעסאַנטן לעבן פון אָסיפּ דימאָוו, צי אין דעם רייכפאַרביקן און טיכטיקן לעבן פון פּרץ הירשביין."

מ. אַשעראָוויטש: „איך קען זיך קוים פאָרשטעלן אַז אַנדערן מענטשן אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס וואָלט געקאָנט דורכפירן אַזאַ ריזיקע אַרבעט ווי דער יידישער „טעאַטער לעקסיקאָן" איז. מ'דאַרף צו דעם האָבן נישט נאָר אַ סך געדולד, גלויבן און אידעאַליסטישע עקשנות, נאָר אַמאָל טאַקע אויך מסירת נפש. זילבערצווייג האָט זיך אַליין פשוט מקריב געווען אויפן מזבח פון זיין אַרבעט פאַרן „לעקסיקאָן", ער האָט שוין באַלד אַ האַלבע וועלט אויסגעשפּאַנט, קלייבנדיק מאַ־טעריאַלן און אויך מיטלען פאַרן „לעקסיקאָן". קיין שווערקייט איז פאַר אים נישט צו שווער און קיין ווייטקייט איז פאַר אים נישט צו ווייט, אַבי צו קומען נענטער צום סוף פון דער גרויסער אַרבייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט אַזוי פיל גלויבן אין האַרצן."

נ. ב. לינדער: „נאָר ביי אַ פאָלק וואָס לעבט אַליין כסדר מיט נסים, און דורך נסים ווי אונזער פאָלק ישראל, האָט געקאָנט געשען דער דאָפּלטער נס — די צוויי בענדער „אידישער טעאַטער לעקסיקאָן" וואָס איך האַלט פאַר די אויגן בשעת איך שרייב די דאָזיקע שורות. ביי קיין שום אומה ולשון וואָלט הײנטיקע צייטן נישט געטראָפן, אַז איין מענטש זאָל אַליין, מיט זיינע הוילע צען פינגער זיך גאָר נעמען צו אַזאַ אַרבעט. זלמן זילבערצווייג האָט דאָס געטאָן און פלאי־פּלאָים — צוויי דריטל פון דער שווערער אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן. אָבער די אַרבעט דאַרף און מוז פאַרענדיקט ווערן, און אונזער חוב איז דאָס, דער חוב פון יידישע שרייבער און פון אַלע די, וואָס האָבן אַ שטיקל שייכות מיט יידישער קולטור, צו העלפן זילבער־צווייגן זיין אַרבעט צו פאַרענדיקן."

אָבער אַמבעסטן האָט זיך דער גאַסט אַליין רעקאָמענדירט דורך זיין דאָרטיקער טעטיקייט.. פון דעם מאָמענט, וואָס ער איז אין

פּאָרט פון מאָנטעווידעאָ (אורוגוויי) פייערלעך אויפגענומען געוואָרן דורכן ספּעציעלן דעלעגאַט פון די דרום אַמעריקאַנישע יידישע אַקטיאָרן, דעם פאַרוואַלטער פון דאָרטיקן אַקטיאָרן פאַראיין, דעם שריפט־שטעלער נחמיה צוקער; אויף זיינע צענדליקער רעפעראַטן איבער פאַרשידענע שטעט פון אַרגענטינע, אורגוויי און בראַזיל ביז צום געזאַנג־אָפּשייד ביים פּאָרט פון בוענאָס איירעס, איז זיין רייזע געווען איין גרויסער יום־טוב. נאָר די גאַנצע יום־טוב׳דיקייט האָט אָבער נישט באַרוישט זילבערצווייגן פון זאַמלען די נויטיקע מאַטעריאַלן פאַרן „לעקסיקאָן״ אין די אַלע לענדער און בינו לבינו אַרויסצוגעבן אין אַרגענטינע צוויי ביכער וועגן יידישן טעאַטער. אָבער די מאַטעריעלע רעזולטאַטן פון דער גאַנצער רייזע זיינען געווען זייער בלאַסע, און דער וואָגן פון דריטן באַנד האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

פאָטאָגראַפירט אין בוענאָס איירעס, 1936

פון אויבן שטייענדיק (פון רעכטס צו לינקס): זילבערצווייג, ברעסט, ראַזענטאַל, הירשפעלד, פעליץ.

אונטערשטע ריי (פון רעכטס צו לינקס, פון פערטן אָן): אירוס, פרידלענדער, בערעלעכעס, פאַך, גאָלדענבורג, מעסטעל, פידעלמאַן, זילבערצווייג, בן־עמי, גערסטין, גראָסבאַרד, צוקער, ראַפּעל, ברעסלער.

ווען זילבערצווייג איז אין 1936 צוריקגעקומען פון דרום אַמעריקע, האָט ער איינגעזען, אַז פאָרלויפיק איז נישט מעגלעך דאָס אַרויסגעבן דעם דריטן באַנד פון לעקסיקאָן, און כדי אָנצוהאַלטן די

ווייטערדיקע אַרבעט פון זאַמלען די מאַטעריאַלן ביז אַן עת מצוא, האָט ער באַשלאָסן צו זוכן אַ מאַטעריעלן אָנהאַלט ביי אַנדערע אַר־בעטן, כדי צו קאָנען זיך פולשטענדיק פרייוויליק אָפּגעבן מיט דער „לעקסיקאָן״־אַרבעט. ער גיט דאַן אַרויס דעם „אַלבאָם פון אידישן טעאַטער״, אַ פאָטאָגראַפיש בוך מיט 500 בילדער, אַ זעלטנהייט אין דער יידישער טעאַטער־ליטעראַטור, און ענדע דעצעמבער 1937 ווערט ער אַנגאַזשירט אַלס רעדאַקטאָר פון דעם פאָפּולערן וואָכנבלאַט „אַמע־ריקאַנער״.

איצט, זייענדיק באַפרייט פון מאַטעריעלע זאָרגן, נעמט ז. אויס־לאַדענען זיין ענערגיע אויף געזעלשאַפטלעכע געביטן. ער ווערט אַן איבערגעבענער מיטגליד אין דעם „פאַראייניקטן רעטונגס־קאָמיטעט פאַר דער שטאָט לאָדזש״, די שטאָט, וואו ער איז אויפגעצויגן גע־וואָרן; אַ מיטגליד אין יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, וואו ער דערגרייכט אין משך פון אַ קורצע צייט צו ווערן דער פאָרזיצער פון איינעם פון זיינע אָנגעזעענסטע בראַנטשעס, צווייג 83 (י. ל. פרץ). גלייכצייטיק איז ז. דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט פון „די אידישע צייטונג״ אין בוענאָס איירעס, וואו ער רעאַגירט אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, איז אַן אַקטיווער מיטגליד אין פרץ שרייבער פאַראיין, אַרויסטרעטנדיק אָפט אויף זיינע אונטערנעמונגען. ז. איז אויך אַ מיטגליד אין שטאָטישן שול־קאָמיטעט פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פאַר וועלכן ער איז איבערהויפּט, שלא על מנת לקבל פרס, זייער אָפט טעטיק אַלס אַגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר.

און איצט, ווען עס איז געוואָרן 30 יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט ער געפונען פונדעסטוועגן גענוג צייט צוזאַמענצו־קלייבן און שלייפן אַ סעריע פון זיינע צעזייטע און צעשפּרייטע טעאַ־טער־אַרטיקלען אויף פאַרשידענע טעמעס און זיי אַרויסצוגעבן אין בוך „טעאַטער מאָזאַאיק״.

אָבער דאָס אַלץ מאַכט ז.׳ן נישט פאַרגעסן אין זיין הויפּט־ציל — אַרויסצוגעבן דעם דריטן, לעצטן באַנד פון דעם בוך, וואָס האָט אים אַזוי פאַרפעסטיקט אין דער יידישער ליטעראַטור — דעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״.

זאָל מען ביי זילבערצווייגן צונעמען דעם גלויבן, אַז ער וועט נאָך אַרויסגעבן דעם לעצטן באַנד פון „טעאַטער לעקסיקאָן״, נעמט

מען ביי אים צו דעם יסוד פון זיין לעבן, און דעריבער איז עס די אויפגאַבע פון די פריינט פון דעם יובילאַר, — און ער האָט אַזעלכע אין די הונדערטער, טאַקע אַ דאַנק זיין פילזייטיקע און איבערגעבענע אַר־בעט אין משך פון אַלע זיינע יאָרן, — אַז זיי זאָלן צולייגן אַ האַנט אין פאַרווירקלעכן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון זילבערצווייגס חלום, וואָס איז שוין נישט קיין חלום, נאָר אַ נישט־פאַרענדיקטער בנין.

דאָס וואָלט געווען די בעסטע אָנערקענונג פאַר זילבערצווייגס אַזוי רייכער און וויכטיקער ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט, און דאָס וואָלט אים געמוטיקט צו שאַפן נאָך נייע וויכטיקע ווערק פאַר דער יידישער קולטור, און אַז ער איז דאָס בכח האָט ער באַוויזן מיט דעם, וואָס ער האָט אונדז געגעבן ביז זיין 46־טן לעבנס־יאָר, אין משך פון די 30 יאָר, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט אַן איבערזעצונג אין „לאָדזער טאָגעבלאַט".

מיר באַגריסן אונדזער חבר זלמן זילבערצווייג צו דעם 30-יאָריקן יובל פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָרן פון פרוכטבאַרער אַרבעט לטובת דער יידישער קולטור און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ח' זילבערצווייג איז דער פאָרזיצער פון אונדזער י. ל. פּרץ צווייג 83 אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַרבאַנד, און ווי אַ געטרייער אָנפירנדער חבר דינט ער דעם צווייג 83 בפרט, און דעם גאַנצן פאַרבאַנד בכלל אויף דעם בעסטן אופן. דערפאַר שליסן מיר זיך אָן מיט אונדזערע ברכות צו אים, אינם נאָמען פון אַלע אונדזערע חברים און חברות, צוזאַמען מיט אַלע אַנ־דערע פון זיינע פריינט און קאָלעגן, און מיר ווינטשן אַז עס זאָלן קומען אינגיכן בעסערע צייטן פאַר דער גאַנצער אַרבעטנדער מענטשהייט.

פאַר דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, צווייג 83

ה. וואַקסבערג, סעק.

ביבליאָגראַפיע

אויסער הונדערטער אַרטיקלען איבער צייט־פראַגן, פּאָליטיק, יידישע פּראָבלעמען, טעאַטער־רעצענזיעס, קריטיקס, קאָרעספּאָנדענ־ציעס, הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען, איבערזעצטע דערציילונגען און קורצע ראָמאַנען, אין פאַרשידענע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין יידיש, העברעאיש און פּויליש אונטערן אייגענעם נאָמען און אונטער די פּסעוודאָנימען: ז. ז.; ז. ז־ג; ז. כספּי; ש. גלות; ס. אַפּאַטאָווסקי; סאָלאָמאָן; ש. בן־צבי; גאָלעם, ש. מעלטאַרג; א. מעטאַרגעס; ז. הירשזאָהן; ר׳ זלמן, זיינען דערשינען פאָלגנדיקע זילבערצווייגס ליטעראַרישע אַרבעטן:

א. סעפּעראַטע אויסגאַבעס

1) א. דיומא (פּאַטער)

קין אָדער זשעניע און ליידענשאַפט

פּיעסע אין 5 אַקטען.

איבערזעצט און בעאַרבייט אויף יודיש דורך ז. זילבערצווייג, מיט אַ פאָרוואָרט פון י. אונגער.

לאָדז, תרעג, 1913. פערלאַג „טעאַטער און קונסט״. [100 ז. 16°] [אויפגעפירט צום ערשטן מאָל דעם 3 אָקטאָבער 1913, אין לאָדזשער „סקאַלאַ״ טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון יוליוס אַדלער און ה. סיעראַצקי.]

2) הרמן היארמנס

הנודד הנצחי

מחזה במערכה אחת.
תרגום זלמן זילברצויג.
הוצאת „הבמה״ לודז תרע״ז [1917, 23 ז. 32°].

[אויפגעפירט צום ערשטן מאָל 3 מאי 1915 אין לאָדזשער „טאַליאַ״ טעאַטער דורך ז.׳ס ליבהאָבער־גרופּע.]

3) ג. בעל

הערקולעס

פארס אין 1 אקט.

יודיש דורך ז. זילבערצווייג.

פערלאג א. גיטלין, ווארשע 1919 [28 ז. 16⁰].

[געשפילט געווארן דורך פארשידענע טרופעס.]

4) **דער מעדאליאָן**

פארס אין 1 אקט.

פריי בעארבייט דורך ז. זילבערצווייג.

פערלאג א. גיטלין, ווארשע. 1919 [23 ז. 16⁰].

[אויפגעפירט דעם 27 סעפטעמבער 1915 אין זגערזש אין טע־אטער „וועגוס" דורך ז.'ס ליבהאבער־גרופע, און שפעטער געשפילט דורך פיל ליבהאבער־גרופעס.]

5) **די צוויי טויבע**

פארס אין 1 אקט.

פריי בעארבייט דורך ז. און נ. זילבערצווייג.

פערלאג א. גיטלין, ווארשע, 1919 [37 ז. 16⁰].

[געשפילט שפעטער דורך פיל ליבהאבער־גרופעס און פראפע־סיאנעלע טרופעס.]

6) ראָבערטא בראקאָ

פיעטראָ קארוזאָ

דראמא אין 1 אקט, יודיש דורך ז. זילבערצווייג.

פארלאג „יידיש", ווארשע [1920, 34 ז. 16⁰].

[אויפגעפירט דעם 6 סעפטעמבער 1921 דורכן פראפעסיאנעלן יידישן ארטיסטן־פאראיין אין קליינפוילן, אין סטאניסלאוואוו, שפעטער דורך פארשידענע ליבהאבער־גרופעס און פראפעסיאנעלע טרופעס.]

7) הערמאן הייערמאנס

אמנעסטיע

דראמאטישער עפילאג אין 1 אקט.

פריי איבערזעצט ז. זילבערצווייג.

פארלאג „יידיש", ווארשע [1920, 14 ז. 16⁰].

[געשפילט געווארן דורך פיל ליבהאבער־גרופעס.]

8) ע. אָרזשעשקאָ און ז. פּרזיבילסקי

דאָס איבערגעריסענע ליד

אַ סצעניש בילד אין 1 אַקט.

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג „יידיש", ווארשע [1920, 18 ז. 16°].

[געשפּילט געוואָרן דורך פיל ליבהאָבער־גרופּעס.]

9) געאָרג פרעשעל

דער קאָמעדיאַנט

קאָמעדיע אין 1 אַקט.

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג „יידיש", ווארשע [1920, 19 ז. 16°].

10) אָקטאַוו מירבאָ

דער טייסטער

קאָמעדיע אין 1 אַקט.

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג „יידיש", ווארשע [1920, 33 ז. 16°].

[געשפּילט דורך ליבהאָבער־גרופּעס, און דעם 5 נאָוועמבער 1930 אויפגעפירט געוואָרן דורך מאָרים שווארץ אין יידישן קונסט טעאַטער אין ניו יאָרק.]

11) זלמן זילבערצווייג

איהר שוועסטער

(לויט לודוויג פולדא.)

קאָמעדיע אין 1 אַקט.

פאַרלאַג „יידיש", ווארשע [1920, 24 ז. 16°].

[אויפגעפירט דעם 10 דעצעמבער 1920 אין סאָסנאָוויץ, אין טעאַטער „ספינקס" דורך ליבהאָבער, און שפּעטער אין אַנדערע שטעט דורך אַנדערע ליבהאָבער־גרופּעס.]

12) אַרטור שניצלער

עפּיזאָד

(פון בוך „אַנאַטאָל".)

קאָמעדיע אין 1 אַקט.

פאַרלאַג „יידיש", ווארשע [1920, 22 ז. 16°].

13) מאַקס האַרטונג

קלעפּטאָמאַניע

פאַרס אין 1 אַקט.
יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.
פאַרלאַג „יידיש", וואַרשע [1920, 31 ז. 16^0].

[אויפגעפירט דעם 14 יאַנואַר 1921 אין לאָדזש, אין טעאַטער „צענטראַל" דורך דער טרופּע פון י. לובעלטשיק. שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך פיל ליבהאַבער־גרופּעס און פּראָפעסיאָנאַלע טרופּעס.]

14) מאַנועל זשאַן דיאַנאַ

אַ רעצעפּט געגען שוויגערס

פאַרס אין 1 אַקט.
בעאַרבייט דורך זלמן זילבערצווייג.
פאַרלאַג „יידיש", וואַרשע [1920, 33 ז. 16^0].

[אויפגעפירט דעם 10 דעצעמבער 1920 אין לאָדזש, אין טעאַטער „צענטראַל" דורך דער טרופּע פון י. לובעלטשיק. שפּעטער געשפּילט דורך פיל ליבהאַבער־גרופּעס און פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס.]

15) גראַף י. א. פרעדראָ

דאָקטאָר רובינשטיין

פאַרס אין 1 אַקט.
פעריודישט ז. זילבערצווייג.
פערלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1920 [53 ז. 16^0].

16) לאַביש

נאָך צוועלף

פאַרס אין 1 אַקט.
יודיש: ז. זילבערצווייג.
פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1920 [25 ז. 16^0].

17) א. היל.

דיאַנאַ

פאַרס אין 1 אַקט.
יודיש דורך ז. זילבערצווייג.
פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1920 [32 ז. 16^0].

18) ל. ה.

[אויפגעפירט דעם 25 דעצעמבער 1920 אין לאָדזש, אין טעאַטער „צענטראַל" אונטער דער דירעקציע פון י. לובעלטשיק. שפּעטער גע־שפּילט דורך פיל ליבהאָבער־גרופּעס.]

דאָס מיספּערשטענדעניש

פאַרס אין 1 אַקט.

יודיש דורך ז. זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1920 [36 ז. 16°].

19) ע. לאַביש

דער אַמעריקאַנער חתן

קאָמעדיע אין 1 אַקט.

פריי איבערזעצט זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1920 [27 ז. 16°].

20) ע. טרעביוז

דער קעניג

אַ שפּאַס אין 1 אַקט.

פריי פאַריידישט זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1920 [21 ז. 16°].

21) **הומאָר און סאַטירע**

[זאַמלונג.]

יידיש דורך זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג „טעאַטער און קונסט", לאָדז, תרע"ז [1917, 90 ז. 16°].

22) מ. מאַנאַסאָוויטש

חנה און די זיבן זין

קינדער־דראַמע אין 1 אַקט.

יידיש ז. ז.

„אונזער טעאַטער" [לאָדזש, 1921, 27 ז. 32°].

23) ז. זילבערצווייג

חרטה

קינדער־פּיעסע אין 1 אַקט.

„אונזער טעאַטער" [לאָדזש, 1921, 16 ז. 32°].

24) עד. גאַרדינעט

אַלץ צוליב ליבע

קאָמעדיע אין איין אַקט.

יידיש: זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1921 [24 ז. 16°].

25) ר. מילך

ליבשאַפט איז קיין ברודערשאַפט

פאַרס אין איין אַקט.

פריי איבערזעצט: זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1922 [27 ז. 16°].

26) ארמאַן ראזא

די פאַרליבטע

קאָמעדיע אין איין אַקט.

פריי איבערזעצט: זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1922 [19 ז. 16°].

27) א. פּאָפּלאַווסקי און א. גאַלאַנסקי

אַ צימער צו פאַרדינגען

פאַרס אין 1 אַקט.

פריי באַארבעט: זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1921 [31 ז. 16°].

28) א. פּ. טשעכאָוו

דער געצוואונגענער טראַגיק

א שפּאַס אין איין אַקט פון דאַטשע־לעבן.

פון רוסישן: זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1921 [13 ז. 16°].

29) מ. מישעל

אויף אַ פאַלשן אַדרעס

פאַרס אין 1 אַקט.

באַארבעט: זלמן זילבערצווייג.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע, 1922 [31 ז. 16°].

30) הענרי נאַטאַנסאָן

הינטער מויערן

פּיעסע אין 4 אַקטן.
יידיש דורך זלמן זילבערצווייג.
פאַרלאַג'ס געז. „צענטראַל", וואַרשע, 1922 [102 ז. 16^0].
[אויפגעפירט צום ערשטן מאָל דעם 8 סעפּטעמבער 1916 אין לאָדזש, גרויסעם טעאַטער, דיר. יוליוס אַדלער, ה. סיעראַצקי, י. זאַנדבערג און מ. ד. וואַקסמאַן.]

37) ה. בערגער

דער מבול

קאָמעדיע אין 3 אַקטן.
יידיש דורך זלמן זילבערצווייג.
פאַרלאַג'ס געז. „צענטראַל", וואַרשע, 1922 [78 ז. 16^0].
[אויפגעפירט דעם 28 נאָוועמבער 1924 אין ווילנע, טעאַטער „עדען", דורך יידישן דראַמען און קאָמעדיען טעאַטער. שפּעטער אריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון „ווילנער טרופּע".]

32) גואי דע מאָפּאַסאַן

דער ליבער פריינד

ראָמאַן.
איבערזעצט זלמן זילבערצווייג.
פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע [געדרוקט אין לאָדזש] 1923, [369 ז. 16°].

33) ז. כספּי

וואָס קאָנען פּוילישע יודען טוען פאַר'ן אויפבוי פון ארץ־ישראל ?

לאָדז, 1924 [16 ז. 16^0].

34) זלמן זילבערצווייג

הינטערן פאָרהאַנג

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין ; ווילנע, 1928 [207 ז. 16^0].

35) זלמן זילבערצווייג
וואָס דער יידישער אַקטיאָר דערציילט
(קוריאָזן און עפּיזאָדן.)
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1928 [72 ז. 16^0].

36) **טעאַטער זכרונות**
צונויפגעשטעלט און רעדאַקטירט דורך זלמן זילבערצווייג.
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1928 [108 ז. 16^0].

37) **לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער**
מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון זלמן זילבערצווייג
ביי דער נאָנטסטער מיטאַרבעט פון יעקב מעסטעל.
אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע.
ערשטער באַנד.
פאַרלאַג „אַלישבע", ניו־יאָרק 1931 [XVI + 800 קאָלומס, 4°]

38) א. מעטארגעם
פאַרשיידענע פורימס ביי יידן
ווילנע פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול" 1931, [21 ז. 32°].

39) **לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער**
מאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט פון זלמן זילבערצווייג
ביי דער נאָנטסטער מיטאַרבעט פון יעקב מעסטעל.
אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניע אין אַמעריקע
צווייטער באַנד
וואַרשע 1934. פאַרלאַג „אַלישבע" [VIII + 800 קאָלומס, 4°].

40) **זלמן זילבערצווייג**
אברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ
פאַרלאַג „אַלישבע", בוענאָס איירעס 1936 [192 ז. 16°].

41) זלמן זילבערצווייג
טעאַטער־פיגורן
פאַרלאַג „אַלישבע"", בוענאָס איירעס 1936 [160 ז. 16°].

42) **אַלבאָם פון אידישן טעאַטער**
געזאַמלט און רעדאַקטירט דורך זלמן זילבערצווייג
פאַרלאַג „אַלישבע"", ניו יאָרק 1937 [IV + 114 ז. 4°].

43) זלמן זילבערצווייג
אברהם גאָלדפאַדען
צו זיין הונדערטסטן געבוירן־טאָג
אַרויסגעגעבן דורך „ציקא" [ניו יאָרק] 1940 [16 ז. 16°].

44) זלמן זילבערצווייג
טעאַטער מאַזאַיִק
פאַרלאַג איטשע וו. בידערמאַן
ניו יאָרק 1941, [320 ז. 16°].

ב. געדרוקט אין פעריאָדישע אויסגאַבעס

45) **שיילאָק פון באַרנאָוו**
אַ העכסט אינטערעסאַנטע ערצעהלונג פון יודישען לעבען פון
ק. ע. פראַנצאָס
פריי בעאַרבייט דורך ז. זילבערצווייג
[„לאָדזער פאָלקסבלאַט" 1912].

46) **דער פאַרשטעלטער שפּיאָן**
אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון אַמעריקאַנישען לעבען
[אַנאָנים פריי באַארבעט נאָך
["Aktenfaszikel 113" von Emilie Gaborian
[„לאָדזער טאַגעבלאַט", 1912].

47) **אין תהום פון לאָדזער לעבען**
אַ העכסט שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער געהיימנישען
בעאַרבייט פון ז. זילבערצווייג [נאָך
["Dr. Ohlhof's Geheimniss"
[„לאָדזער פאָלקסבלאַט" 1913]

48) **גאָלד**
ראָמאַן פון פרידריך גערשטערעקער
פריי איבערזעצט ז. ז.
[„לאָדזער טאַגעבלאַט" 1921]

49) **דאָס לעבען פון אַ אידישער אַקטריסע**
דערצעהלט פון עמיליע אדלער
געשריבען פון זלמן זילבערצווייג
[„די אידישע וועלט", קליוולאַנד, 1929].

50) זלמן זילבערצווייג
אחד העם און זיין באציאונג צו אידיש
[„שיקאגא״, שיקאגא, 1931-32].

51) זלמן זילבערצווייג
מענדעלע מוכר ספרים און דאס אידישע טעאטער
[„שיקאגא״, שיקאגא, 1935].

ג. רעדאקטירט פעריאדישע אויסגאבעס

1) **טעאטער און קינא**
שפעטער
טעאטער און קונסט
אילוסטרירט וואכנבלאט פאר טעאטער, מוזיק, קונסט און קינא
[לאדזש, 1922—1923].

2) **לאדזשער האנדעלס־אינפארמאטאר**
[יארבוך, דערשינען 2 יאר אין לאדזש, אין די יארן 1923-4, אנאנים].

3) **אמעריקאנער**
[וואכנשריפט אין ניו־יארק. אנאנימער רעדאקטאר זייט יאנואר 1938].

ד. אויפגעפירטע נישט־געדרוקטע פיעסעס

1) **א מאמע**
דראמע אין 3 אקטן פון מ. קוזניצקי
איבערזעצט זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט 9 נאוועמבער 1912 אין „הזמיר״, לאדזש, דורך ז.'ס ליבהאבער־גרופע].

2) **ראבערט און בערטראם**
אפערעטע אין 3 אקטן, איבערזעצט זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט 24 מאי 1913 אין לאדזשער צירק טעאטער, דירעקציע יוליוס אדלער און נ. ליפאווסקי].

3) **שמשון און דלילה**
טראגיקאמעדיע אין 3 אקטן פון סוועז לאנגע.
איבערזעצט פון זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט 7 אפריל 1913 אין לאדזשער „פוילישעס טעאטער" דורך ז.׳ס ליבהאבער גרופע, שפעטער דורך די טרופעס פון ליפאווסקי און אדלער].

4) **ודוי**
דראמע אין 1 אקט פון זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט 12 יולי 1913 אין לאדזשער „פוילישעס טעא־טער" דורך ז.׳ס ליבהאבער גרופע].

5) **האמלעט**
טראגעדיע אין 5 אקטן פון וויליאם שעקספיר,
איבערזעצט זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט 29 דעצעמבער 1913 אין לאדזשער „סקאלא" טעאטער, דיר: אדלער און סיעראצקי].

6) **די אנגעשטעקטע**
פיעסע אין 3 אקטן פון אייזשען בריע,
איבערזעצט זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט 21 פעברואר 1914 אין לאדזשער „סקאלא" טעאטער, דיר.: אדלער און סיעראצקי].

7) **די שרעקלעכע סודות**
ראמאן פון ל. שרייבער. דראמאטיזירט דורך ז. און נ. זילבערצווייג
[אויפגעפירט 19 אפריל 1914 אין לאדזשער „סקאלא" טעאטער, דיר.: אדלער און סיעראצקי].

8) **דער אנדערער**
פיעסע אין 4 אקטן פון דר. פאול לינדוי
באארבעט דורך זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט 15 פעברואר 1916 אין לאדזשער „גרויסעס טעאטער", דיר.: זאנדבערג און וואקסמאן].

9) **פארברעכן און שטראף**
איבערזעצט לויט א דראמאטיזאציע פון דאסטאיעווסקיס ראמאן פון זלמן זילבערצווייג.
[אויפגעפירט 26 דעצעמבער 1917 אין לאדזשער „גרויסעס טעאטער". דיר.: אדלער, סיעראצקי, זאנדבערג און וואקסמאן].

10) **דער היימלאָזער רעוואָלוציאָנער**

לעבענסבילד אין 4 אקטן פון מ. ד. וואַקסמאַן און ז. זילבערצווייג [פרייע באַארבעטונג נאָך י. מאַרקאָוויטשעס אַ פּיעסע]

[אויפגעפירט 2 יאַנואַר 1918 אין לאָדזשער „גרויסעם טעאַטער". דיר.: אַדלער, סיעראַצקי, זאַנדבערג, וואַקסמאַן].

11) **אַ לעבן אָן ליבע**

דראַמע אין 4 אַקטן.

פריי באַארבעט דורך ז. זילבערצווייג

[אויפגעפירט 26 יאַנואַר 1918 אין זגערזש, טעאַטער לוטניאַ" דורך ז.'ס ליבהאָבער גרופּע].

12) **יאָהאַנספייערן**

דראַמע אין 4 אַקטן פון הערמאַן זודערמאַן

איבערזעצט זלמן זילבערצווייג

[אויפגעפירט 4 יאַנואַר 1920 אין לאָדזשער „פּוילישעם טעאַטער". דיר.: א. ג. קאַמפּאַנעיעץ. דעם 5 נאָוועמבער 1920 אריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון דער „ווילנער טרופּע"]

13) **דאָס טייוולס־ווייב**

דראַמע אין 5 אַקטן פון קאַרל שענהער

איבערזעצט זלמן זילבערצווייג

[אויפגעפירט 27 פעברואַר 1920 אין סאָסנאָוויץ דורך דער טרופּע זעליגער].

14) **זי אָדער 1 + 1 = 1**

פּסיכאָלאָגישע פּיעסע אין 3 אַקטן [נאָך דר. פּאָול לינדויס „דער אַנדערער"] פון זלמן זילבערצווייג

[אויפגעפירט 15 יאַנואַר 1921 אין לאָדזשער „דראַמאַטישעם טעאַטער"", דיר.: קאַמפּאַנעיעץ און דוד צעלמייסטער].

15) **זייפנבלאָזן**

אַ שפּאַס אין 2 אַקטן פון זלמן זילבערצווייג.

[אויפגעפירט 10 מערץ 1924 אין לאָדזשער „סקאַלאַ" טעאַ־טער. דיר.: ס. קופּערמאַן].

16) **אַ טאַטע נעבעך**
אַ שפּאַס אין איין אַקט [דראַמאַטיזירט לויט אַ סקיצע פון א. פּ. טשעכאָוו] פון זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט אויף די „פאָרווערטס" פּאַליעס אין פּאַבליק טעאַטער, ניו יאָרק, 1937].

17) **דער טאַטע האָט די מאַמע געגומען**
אַ שפּאַס אין 3 בילדער פון זלמן זילבערצווייג
[אויפגעפירט אויף די „פאָרווערטס" פּאַליעס אין פּאַבליק טעאַטער, ניו יאָרק, 24 אויגוסט 1938].

ה. נישט אויפגעפירטע פּיעסעס

1) בערנאַרד שאָו
פרוי וואָרענס פּראָפעסיע
דראַמע אין 4 אַקטן [איבערזעצונג].

2) **מאַן און ווייב, אָדער, די שטאָלצע פרוי**
לעבענסבילד אין 4 אַקטן [פרייע באַארבעטונג].

3) **ליבע און געוויסן**
דראַמע אין 4 אַקטן [פרייע באַארבעטונג נאָך א. וויקאַנדער].

4) **אין גלות**
טראַגעדיע אין 4 אַקטן פון א. טאַשמאַ [איבערזעצונג].

5) **קדושים**
פאָלקס־טראַגעדיע אין 5 אַקטן פון א. טאַשמאַ [איבערזעצונג].

6) **גייסטער**
פאַמיליען־דראַמע אין 3 אַקטן פון הענריק איבסען [איבערזעצונג]

7) **די פאַרליבטע**
דראַמע אין 3 אַקטן פון וואַצלאַוו גרובינסקי [איבערזעצונג].

8) **די שווינדלערס**
דראַמע אין 3 אַקטן [פרייע באַארבעטונג].

צייכנונג פון לאָלאַ

אַ לעזער אַ למדן

לעזער (צו זילבערצווייגן) : אַ גאַנץ פיינער בוך איירע, אָבער, אַנשולדיקט, עפּעס די „ספּעלינג" הינקט אונטער . . . אַזוי ליוגט מען אוים „מזיק"? און אייער „לעקסינגטאָן" איז אויך שלעכט געספּעלט! . . .

מרים זילבערצווייג

נישט קיין וואונדער

פאַרוואָס די הויפּט־שטאָט פון דענ־מאַרק, קאָפּענהאַגען, האָט נישט צוגעצויגן אַזאַ סכום פּאָליטישע אימיגראַנטן ווי לאָנ־דאָן, אָדער מאַנכע שטעט אין דער שווייץ, איז מסתמא געווען נישט דערפאַר, ווייל דאָרט האָט זיך לויט שעקספּירן געפונען דער גרעסטער צווייפלער אין דער נויטיקייט פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ.

ערשט אין 1913 און אין אָנהייב 1914 האָט די רוסישע רעאַקציע ווי דערפילנדיק, אַז עס דערנענטערן זיך אירע לעצטע טעג, אָנגעהויבן פעסטער פאַר־ציען דאָס שטריקל אַרום האַלדז איבער יעדער פּראָגרעסיווער, ובפרט פּאָליטישער טעטיקייט, אַזוי, אַז די עמיגראַציע פון רוסלאַנד און פּוילן פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט, און קאָפּענהאַגען האָט אויך געקראָגן איר חלק.

באַלד האָט זיך דאָס דערפילט אינם גליווער, וואָס האָט געהייסן „יידישע געזעלשאַפטלעכקייט", און די וואָרצלען, וואָס די נייע אי־מיגראַנטן האָבן פאַרשלאָגן, האָבן באַלד געגעבן זייער בלי אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט: ס'זיינען געגרינדעט געוואָרן אַ ציוניסטישער און אַ יוגנט־פאַראיין הינטער וועלכן עס זיינען גע־שטאַנען און אָנגעפירט בונדאָווצעס.

נישט געקוקט אויף מיין ציוניסטישער שטימונג פון ממש מיין קינדהייט אָן, און דאָס דאַרפן באַלד אָפּפאָרן פון קאָפּענהאַגען צוריק אַהיים קיין לאָדזש, בין איך פאָרט אַריינגעצויגן געוואָרן אינם יוגנט־פאַראיין. דאָרט האָט מען געהאַלטן לעקציעס איבער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט, און מען האָט זיך געגרייט צו שפּילן טעאַטער. געקומענע צום יוגנט פאַראיין האָבן מיט־געבראַכט מיט זיך די נייעסטע דערשיינונגען אין דער יידישער ליטע־ראַטור. דאָס האָט מיך אַהינגעצויגן. דאָרט האָט מען אויך דיסקו־סירט ליטעראַרישע ענינים, און איך פלעג זיך אויסדריקן, אַז כ'וואָלט

שוין וועלן זען איבערזעצונגען פון אַנדערע ליטעראַטורן אויף יידיש, כדי די, וואָס קענען נישט קיין אַנדערע שפּראַך ווי יידיש, זאָלן אויך קאָנען לייענען די וואונדערלעכע ווערק איבער וועלכע מיר האָבן דאַמאָלט גערעדט. אַלס לוין פאַר מיין וואונטש האָט מיר איינער, אַ נאַר וואָס־געקומענער פון פּוילן, געגעבן אַ מתנה: אַלעקסאַנדער דיומאַס דראַמע „קין", איבערזעצט אין יידיש פון זלמן זילבערצווייג, דערשינען אין מיין היים־שטאָט לאָדזש. לייענענדיק האָב איך אויפן שער־בלאַט געזען אַנאָנסירט, אַז זילבערצווייג האָט אויך איבערזעצט, און אין קורצן וועלן דערשיינען „האַמלעט" פון שעקספּיר, „שמשון און דלילה" פון סוון לאַנגע, און נאָך אַנדערע זאַכן. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט פון דעם אַריינפירן אין דער יידישער שפּראַך אַזעלכע ליטעראַטור־ריזן ווי שעקספּיר, און אַנדערע.

קורץ נאָך דעם האָב איך געדאַרפט צוריק אַהיימפאָרן, און עט־לעכע וואָכן נאָך מיין אַהיימקומען, איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה אַזוי, אַז מען האָט אַ חוץ וועגן דער מלחמה און ווי אַזוי צו דער־האַלטן דאָס לעבן, כמעט וועגן גאָרנישט געטראַכט.

ערשט אַביסל שפּעטער, בעת די קעפּ זיינען נאָך פאַרהילכט געווען פון די לעצטע קלעפּ נאָך וועלכע לאָדזש איז געפאַלן, און דאָס דייטשע מיליטער האָט ערשט אָנגעהויבן אַריינמאַרשירן אין שטאָט, האָבן מיר, די יוגנט, דאַמאָלט שוין געפּלייצט, אַרויס פון די הייזער, דורך אַלע וועגן, דורך טיר און פענסטער, דורך וועלכע ס'איז שפּארעס, אַרויס אומבאַמערקט פון די עלטערן, וואָס האָבן אונדז געוואָלט נאָך האַלטן אין הויז פון שרעק פאַרן רוסישן מיליטער.

די שטאַרקסטע באַמבע אונדז צו פאַרהאַלטן אין די הייזער זיינען געווען די קאָזאַקן מיט די אויסגעלאָזענע טשאָלמעס, פּוטערנע טשאַלמע, וואָס פלעגט זיך האַלטן אויפן שפּיץ קאָפּ, וועלכע האָבן זיך געטראָגן איבערן שטאָט ווי מחנות גהינום־שליחים מיט די פערד אויף די טראָטואַרן מער ווי אויפן מיטן וועג, און אויסגעגאָסן זייער זודיקן כעס צו די „גערמאַנצעס" אויף יידיש לייב און לעבן.

ביים קלאַנג, אַז די קאָזאַקן אַנטלויפן, זיינען מיר שוין אַרויס, דורשטיקע עפּעס צו טאָן. אַלע אַרבעטס־פּלעצער, אַלע שולן זיינען נאָך געשטאַנען פאַרשטומט און טויט. האַלב־פאַרהונגערטע, נישט ווייסנדיק נאָך ווי דער אָקופּאַנט וועט זיך פאַרהאַלטן צו סאָציאַל־עקאָנאָמישע, אָדער פּאָליטישע ענינים, האָבן מיר זיך קודם געוואָרפן

טאָן קולטור־אַרבעט. אונדזערע פּלענער זיינען געווען ברייטע: אָוונט־קורסן פאַר יידיש און העברעאיש, רעפעראַטן איבער ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס, נאָר פאַרן אָנהייב האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז כדי אויפצופירן ליטעראַריש־דראַמאַטישע ווערק, וואָס זיינען ניט געווען אין רעפּערטואַר פון פּראָפעסיאָנאַלן יידישן טעאַטער. דעם קרייז האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „דראַמע און מוזיק", ווייל מיר האָבן געפּלאַנט אויך צו לערנען די מיטגלידער מוזיק־טעאָריע, און שפּעטער גרינדן אַן אָרקעסטער.

האָבן מיר אָנגעהויבן רופן זיצונגען צו באַשליסן מיט וואָס מיר זאָלן אָנהייבן אונדזער טעטיקייט און אויסקלייבן פּאַסיקע מענטשן אָנצופירן מיט די אַרבעטן. און איין האַמפּערדיקע פאַרזאַמלונג האָט געפירט צו אַ צווייטער, און אַ צווייטע צו אַ דריטער, ביז איינמאָל, ווען מיר זיינען אַרויס פון אַ זיצונג, האָבן מיר דערזען אַן אַפיש אויף וועלכן עס ווערט געמאָלדן, אַז אין אַ וואָך אַרום ווערט אויפ־געפירט פון אַ ליבהאָבער טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון זלמן זילבערצווייג יעקב גאָרדינס „דער יידישער קעניג ליר". איך האָב שוין געדענקט דעם נאָמען פון זילבערצווייגן אַלס איבערזעצער פון „קין", פון דעם ביכל, וואָס מען האָט מיר געבראַכט אין קאָפּענהאָגען, פרעג איך די מיטגלידער פון מיין דראַמאַטישן קרייז צי זיי קענען פערזענלעך אָט דעם זילבערצווייגן, ענטפערן זיי מיר מיט אַן „עט, ס׳איז ניט וויכטיק". געפעלט מיר ניט דער ענטפער, פרעג איך זיי די סיבה, ענטפערן זיי מיר, „ס׳איז זיכער אַ בלאָף!" „פאַרוואָס אַ בלאָף?" — פרעג איך, „ווייל ס׳איז דאָך ניט געווען מעגלעך אַרויסצוציען אין גאַס, טאָ ווי אַזוי האָט ער געמאַכט צוגרייטונגען צו דער אויפפירונג?".

אין אַ וואָך אַרום, עס גייט טאַקע די פאָרשטעלונג ווי עס איז געווען געמעלדעט, און באַלד הערט מען אין שטאָט, אַז זילבערצווייג גרייט זיך אויפצופירן אַן אַנדערע פּיעסע, און מיר האַלטן נאָך אַלץ ביי די זיצונגען. איך ווער נאָך מער פאַראינטערעסירט צו באַקענען זיך מיט זילבערצווייגן. כ׳בין זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ מאַן אודאי פון אַ זעקס־אָדער אַכט און צוואַנציק יאָר. אַזאַ עלטער האָט דאַמאָלט ביי מיר אויסגעזען אַ וויכטיקע, און אַז איינער אין די יאָרן מעג באַשליסן און טאָן זאַכן אויף זיין אייגענער אחריות. ערשט ביים באַקענען זיך, האָב איך געזען פאַר זיך אַ יונגן בחור, אין איין

עלטער מיט אונדז אַלע, נאָר מיט אַ שרעקלעכער פעסטקייט און גלויבן אין זיך, וואָס ווירקט אין ערשטן מאָמענט אַביסל חוצפה׳דיק. באַלד אָבער האָט ער אָנגעהויבן באַווייזן, אַז די אַלע זאַכן, וואָס האָבן פאַר אונדזער קרייז אויסגעזען ווי אַריבערצושפּרייזן אַ גוואַלטיק הויכן באַרג, זיינען ביי אים, פעדער־לייכט, ממש גאָרנישט.

באַלד ביי אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָט ער מיר דערציילט און געוויזן זיינע שריפטשטעלערישע אַרבעטן, אַז ער האָט שוין נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, אַ חוץ זיין געדרוקטע איבערזעצונג „קין״, געדרוקט אַ ראָמאַן און דערציילונגען, און אַז דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער האָט שוין געשפילט אַ סך פון זיינע איבערזעצונגען. איך האָב מיט התפעלות עס באַלד דערציילט מיינע חברה, האָבן זיי ווידער געטענה׳ט, אַז ס׳איז נישט אמת. „ס׳טייטש״, פרעג איך, „ווי איז עס נישט אמת, אַז ער האָט מיר אויף אַלעם געוויזן אַפּישן און באַווייזן?״. זייער ענטפער איז ווידער געווען דער באַקאַנטער: „זעסט דאָך! ווארום ווי קאָן דאָס זיין אמת, אַז ווי אַלט איז ער, ער זאָל שוין האָבן אויפגעטאָן דאָס אַלץ וואָס דו דערציילסט?״

מיין חברה פון „דראַמע און מוזיק״, צווישן וועלכע עס איז געווען דער היינט גוט באַקאַנטער שוישפּילער און רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד, האָבן געזען, אַז עפּעס איז דער זילבערצווייג זייער באַ־פריינדעט מיט מיר, זיינען זיי אין כעס געוואָרן, און מיר געלאָזט וויסן, אַז נישט בלויז איז דאָס פון מיין זייט אַ פאַרראַט לגבי „דראַמע און מוזיק״, נאָר איך לאָז זיך אָפּנאַרן, ווארום די איבערזעצונגען, וואָס אַדלער שפּילט, זיינען נישט פון דעם זילבערצווייג, וואָס איך קען, נאָר פון זיינעם אַן עלטערן ברודער. ערשט שפּעטער ווען איך האָב זלמן זילבערצווייגן נענטער באַקענט און אַריינגעקומען צו זיינע עלטערן אין הויז, האָב איך געזען, אַז ער איז דער עלטסטער און ממילא האָב איך שוין אָנגעהויבן צו צווייפלען אויך אין די אַנדערע טענות און באַשולדיקונגען פון מיינע חברים אין „דראַמע און מוזיק״.

ווערנדיק נאָך נענטער באַקענט מיט זילבערצווייגן, און שפּעטער שטייענדיק ביי זיינע אַרבעטן אַלס זיין פּרוי, בין איך געווען דער עדות פון זיינע 18 שעה׳דיקע אַרבעטס־טעג, און אויף אַ כאַראַקטער־ריסטישן שטריך אין אופן פון זיין אַרבעט, ווי זיין לאָזן איין אַרבעט, און גיין זיך אויסרוען . . . ביי אַ צווייטער אַרבעט, און אויך פון די צוויי קאָלאָסאַלע קאָנטראַסטן אין אים: פון איין זייט דער סטאָישער

גערודל און אויסדויער איבערצוקומען אַלע מכשולים, וואָס וואַקסן אויס ביי יידישע ליטעראַרישע אַרבעטן, ובפרט פון אַזאַ פאַרנעם ווי עס איז געווען און איז טיילווייז נאָך, דער „טעאַטער־לעקסיקאָן״, און פון דער צווייטער זייט — די פייערדיקע שנעלקייט זיינע, וואָס זיין מח, דער 18 שעה׳דיקער פערפעטום, פירט אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופן צוזאַמען פלענער און פאַרוואַנדלט זיי כסדר אין רעאַליטעטן.



פאָטאָגראַפירט אין קוטנא, פוילן 1924

פון לינקס צו רעכטס: זלמן, זיין ברודער נתן, זייער שוועסטער רבקה. דאָס בילד אויפן טישל איז פון זייער פאַרשטאָרבענער שוועסטער אלישבע.

אפילו אין ארץ־ישראל, וואו עס איז גאַנץ שווערלעך פאַר נישט אַקלימאַטיזירטע מענטשן צו אַרבעטן, ובפרט נאָך גייסטיקע אַרבעט, האָבן טאַקע זילבערצווייגס חברים שרייבער זיך באַמיט שנעל צו פאַרענדיקן די קאָרעספּאָנדענציעס פאַר זייערע אויסלענדישע צייטונ־גען, און באַלד געגאַנגען צום ים, און געקוויקט זיך מיטן קילן ווינטל, וואָס די כוואַליעס האָבן צוגעיאָגט צום ברעג, זילבערצווייג אָבער, פאַרענדיקנדיק זיינע קאָרעספּאָנדענציעס, איז באַלד איבערגעגאַנגען צו אַן אַרבעט וועגן אחד העמ׳ס באַציאונג צו יידיש, באַלד צו גאָלדפאַ־

דען־אַרבעט, און ווידער, און נאָך אַמאָל לעקסיקאָן־אַרבעטן. אפילו אין די אָוונטן ווען ער פלעגט שוין זיצן אין תל־אביב ביים ים, און שעפּן הנאה מיט אַלע רמ״ח אברים, אַרומקוקנדיק זיך אויף דעם בליענדיקן ישוב און אונטערכאַפּנדיק אַ פריילעכע האָראַ, אָדער אַ ניגון פון אַ פאַרבענקטן קאַראַוואַן־פירער, וואָס האָט זיך פון ווייט צום ים דערטראָגן, איז אין זיין מח נאָך אַלץ געבליבן אַ שטיקל פרייער פלאַץ צו טראַכטן וועגן מיטהעלפן ביים אויסבויען אין ארץ־ישראל אַ פאַבריק־שטאָט, און נישט געטראַכט קיין סך, נישט קיין בעל־חלומות איז זילבערצווייג. אַזוי שנעל ווי עס האָט ביי אים אויפגעלויכטן אין זיין מוח אַ געדאַנק, האָט אים דער שכל באַלד באַארבעט, און אין דער בליציקסטער שנעלקייט געפירט צו מעשים.

דערפאַר איז דאָס מעגלעך געוואָרן פאַר אַ מענטשן פון עטלעכע און פערציק יאָר צו קאָנען מאַכן אַ סך־הכל פון אַזאַ רחבות׳דיק סכום אָפגעטאָנענע אַרבעטן.

דעריבער ווען איך קוק רעטראָספּעקטיש אויף זיינע דרייסיק אַר־בעטס־יאָרן קאָן איך אים נאָר באַוואונדערן, אָבער זיך נישט וואונדערן.

את אחינו, גיסנו ודודנו

זלמן

לרגלי יובל הספרותי השלושים

הננו מברכים בכל טוב בשמנו ובשם הורינו, אחינו ואחיותינו האומללים הנמצאים כעת תחת שבט הרשעה בפולניה. הלואי שנזכה לחוג את שמחת חתונת הזהב של הורינו האהובים בארצנו האהובה, שבת אחים גם יחד, בריאים ושלמים. שלום!

נתן, אלישבע ורות זילבערצווייג
שכונת מונטופיורו, ע״י תל־אביב
ארץ ישראל

נישט אַ סיום, נאָר אַ התחלת הספר

מיין ליבער זלמן זילבערצווייג:

איך האָב דערהאַלטן אַ בריוול פון דעם קאָמיטעט, וואָס גרייט צו דעם יובילעאום פון אייער 30-יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט אַז איך זאָל צושיקן אַ פּאָר ווערטער וועגן אייך.

איך האָב זיך דערביי פאַרטראַכט: וואָס? עס איז שוין 30 יאָר? עס איז דאָך ערשט נעכטן געווען, העכסטנס אייערנעכטן.

מיר זיינען געווען אין לאָדזש. עס איז אַרויסגעגאַנגען „דאָס לאָדזער טאָגעבלאַט". איך האָב דאָרטן געדרוקט אייער פּאָטערם פעליעטאָנען, זייער האַרציקע און קלוגע, אָבער איין חסרון האָט ער געהאַט אייער טאַטע, און דאָס איז, וואָס ער האָט זיך נאָר געוואָלט אונטערשרייבן מיט מיין פען-נאָמען „צבי".

וויפיל איך האָב נישט מיט אים גע'טענה'ט, אַז עס איז מיין פען-נאָמען, האָט ער מיר געענטפערט אין שפּאַס: „אָבער איך הייס דאָך אויך צבי, פאַרוואָס מעגט איר זיך אונטערשרייבן מיט אייער נאָמען און איך נישט?"

דערנאָך האָט איר גענומען שרייבן. נאָך גאָר יונג, אַלס אינגל. און שפּעטער אַלץ אָפטער. וועגן וואָס? וועגן וואָס נישט? ערנסטעס און הומאָריסטישעס, אייגנס און איבערזעצונגען, אַרום דעם טעאַטער און אַרום אַנדערע זאַכן.

זאָגט איר, אַז דאָס איז נישט געווען נעכטן אָדער אייער־נעכטן, נאָר מיט 30 יאָר צוריק. כ'לעבן איר זענט גערעכט, פון 1910 ביז 1940 איז טאַקע 30 יאָר! ווי די צייט לויפט!

נו, זאָל אייער 30-יאָריקער יובילעאום זיין פאַר אייך נישט אַ סיום הספר, נאָר אַ התחלת הספר, אָנצוהייבן ערשט איינצו־טונקן די פעדער און שרייבן און שאַפן.

ווי עס ווינשט אייך, אייער

ד"ר. צבי כהן

י. מ. פּליאַט

זלמן זילבערצווייג און דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט״

דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט״ האָט זיך גערעכנט אַלס די וויכטיקסטע „פּראָווינץ״-צייטונג אין פּוילן. צוויי סיבות האָבן בייגעטראָגן דערצו: ערשטנס, איז די שטאָט לאָדזש געווען דער וויכטיקסטער אינדוסטריעלער צענטער, און צווייטענס, האָט זיך דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט״ פאַרמאָסטן אַריבערצויאָגן די וואַרשעווער יידישע צייטונגען, סיי מיט נייעס און סיי מיט ליטעראַטור.

דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט״ האָט זיך באַזאָרגט מיט ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן אין די וויכטיקסטע צענטערן פון דער וועלט ווי אויך אין די פּראָווינץ-שטעט און שטעטלעך, וואו יידיש לעבן האָט פּולסירט.

די יידישע ליטעראַטור איז געווען פאַרטראָטן אין „לאָדזער טאַגעבלאַט״ דורך די וויכטיקסטע יידישע שרייבער, — אַלטע און יונגע, — פון שלום עליכמ׳ען ביז יואל מאַסטבוימען.

דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט״ איז, אַלזאָ, געווען די גרויסע „פּראָווינץ״-סענסאַציע אין יידישן צייטונגס-וועזן אין פּוילן.

זלמן זילבערצווייג איז געווען נאָך גאָר אַ יונג בחור׳ל ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. צו 16 יאָר האָט ער פאַרעפענטלעכט אין „לאָדזער טאַגעבלאַט״ זיין ערשטע איבערזעצונג פון פּויליש — יאַנוש קאָרטשאַקס דערציילונג „ביינאַכט״. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון זיין רייכן ביי־טראָג צו דער איבערזעצטער ליטעראַטור.

זיין אויסוואַל פון ליטעראַרישע ווערק פון דער וועלט־לי־טעראַטור פאַר זיינע איבערזעצונגען, האָט קלאָר באַוויזן, אַז דער יונגער בחור׳ל איז געווען זייער גוט באַלעזן. די ריזן פון דער וועלט־ליטעראַטור זיינען אים נישט געווען פרעמד.

שפּראַכלעך זיינען זיינע איבערזעצונגען געווען מוסטערן פון קאָרעקטקייט. אין דעם אויסוואַל פון ווערטער און אינם בוי פון זאַץ האָט זיך אַלע מאָל געפילט זילבערצווייגס גרויסע ליבע צום יידישן לשון, און דער עיקר — דאָס קענען די יידישע שפּראַך מיט אַלע אירע ניואַנסן.



רעדאַקציע פון „לאָדזער טאַגעבלאַט” אין 1918

פון רעכטס צו לינקס (שטייענדיק): משה לידאָר, י. מ. פּליאַט, מאָריס ראָזענפעלד, (זיצנדיק): גוסטאַוו אייזנער, זלמן זילבערצווייג, מ. יאָרבלום, י. אוגער און משה בלוישטיפט.

אין משך פון זעקס יאָר איז זלמן זילבערצווייג געווען, וואָס מען רופט אין אַמעריקע, אַ „פרי־לענס” שרייבער. ער איז גע־

ווען אַזוי צו זאָגן אַן „אויסערלעכער" שרייבער. ער איז נאָך נישט געווען „צוגעשמידט" צו קיין שרייבטיש אין רעדאַקציע. ער איז געווען אַ פרייער פויגל און האָט געקענט טאָן זיין ליטעראַרישע אַרבייט פאַר דער צייטונג, ווען ס׳האָט זיך אים געגלוסט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַביסל קנאה ביי די „אינער־לעכע" שרייבער, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו זיצן ביי די שרייבטישן יעדן טאָג אַ באַשטימטע צייט, בעת זלמנ׳קע (אַזוי האָט מען אים גערופן אין די צייטונגס-קרייזן) האָט זיך זיין צייט פאַרבראַכט אין פאַרק, אַרומגערינגלט מיט מיידלעך און בחורימלעך-אַמאַטאָרן.

זילבערצווייג האָט זיך שוין דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו גרינדן אַ יידישע אַמאַטאָרן-טרופּע און אויפפירן אויף יידיש און העברעאיש דראַמעס פון וועלט-רעפּערטואַר.

באַלד איז ער אויך געוואָרן דער אָפיציעלער איבערזעצער פאַרן יידישן טעאַטער אין לאָדזש.

ווי אַ וויכער האָט זיך זלמן זילבערצווייג דורכגעטראָגן אינם יידיש-קולטורעלן לעבן פון דער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט לאָדזש און האָט אַריינגעבלאָזן לעבן אין יעדן ווינקעלע.

אין 1916 ווערט ער אַן „אינערלעכער" מיטגליד פון דער רעדאַקציע „לאָדזער טאָגעבלאַט". דאָ האָט ער פאָרטגעזעצט זיין איבערזעצונגס-אַרבייט, וועלכע האָט שוין אַ חוץ ראָמאַנען און דערציילונגען אויך אַריינגענומען נייעס און אַרטיקלען.

אַ פרוכטבאַרע זשורנאַליסטישע אַרבעט האָט זלמן זילבער־צווייג אַנטוויקלט אין די יאָרן, וועלכע האָבן אָפּגעשלאָסן דאָס טרויעריקע קאַפּיטל פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אין יענער צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידישן טעאַטער, און געשטאַנען אַלס פּובליציסט אויף דער וואַך פון יידישע אינטערעסן.

זלמן זילבערצווייג איז אויך געווען איינער פון די איבער־

געבענע מיטגלידער פונם לאָדזשער יידישן ליטעראַטן־פאַראיין.

דער ליטעראַטן־פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהויב פון דער מלחמה מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן די פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די צייטונגס־שרייבער, אָבער זילבערצווייג האָט אַריינגעטראָגן אינם פאַראיין דעם גייסט פון ליטעראַטור און טעאַטער. צווישן די ווענט פונם פאַראיין האָט שטענדיק אָפּגעהילכט זיין שטים אין די לעבהאַפטע דיסקוסיעס וועגן דער אויפבליענדיקער טעאַטער־קונסט, וואָרום אויף די חורבות פון דער מלחמה איז געבוירן געוואָרן די באַרימטע ווילנער טרופּע, און זלמן זילבערצווייגס נשמה האָט אויפגעלויכטן.

▲

ברגשי אהבה וקורת רוח יתרה הנני להודות בשמי ובשם אשתי שתחי' לאל המושעות על טובו הגדול שחונן אותנו בבן יקיר ונפש חנונה, בננו בכורנו אשר קראנו שמו בישראל

שלמה זלמן נ"י

ואברכהו לרגלי יובל השלושים שלו בברכת טוב, שלום וישע רב על עדן רוחו ותכונת נפשו היקרה. באיזו חבה יתרה ואהבת נפש הוא ממלא בזריזות וברצון טוב את חובת הבנים לאבותם!

נשען על מאמר התלמוד „מזכין לאדם ע"י זכאי", רואה אני אמנם בחוש ובעין שזכאי הוא, והוא נעשה שליחו של מקום לפרנס את הוריו בנחת ובכבוד, בחן וחסד לתמכנו בימין צדקו באהבה שלמה, שע"יז הוא בסס את ישיבתנו בארצנו הקדושה, ובזה גרם לשתי מצוות גדולות, מצות ישוב ארץ־ישראל, שהיא כנגד כל התורה כולה, ומצות כבוד אב ואם שהיא מעשר המצוות הראשונות.

ד' יברכהו ויצליחהו ויעמידהו על במתי הארץ להיות מאושר באריכת שנות חיים טובים ושלום.

צבי הירש הכהן זילבערצווייג
ורעיתו
שכונת מונטופיורו, ע"י תל־אביב
ארץ הקדושה

ש. ל. שניידערמאַן

אַלס סטאַר אין זילבערצווייגס איינאַקטערס

אויב עמיץ פון דער יידישער טעאַטער־וועלט פאַרדינט דעם נאָמען „בלאָנדזשענ־דיקער שטערן", איז עס טאַקע זלמן זילבער־צווייג. ער האָט אָנגעשפּאַרט אומעטום, וואו נאָר יידישע שוישפּילער האָבן אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן. במשך פון יאָרן האָט ער געוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך פון פוילן, רומעניע און ליטע, וואו אין קרעטשמעס און פייערלעשער־זאַלן האָט אָפּ־געהילכט דאָס יידישע וואָרט, און ער האָט דער ערשטער אַרויסגעברענגט דעם ספר־היוחסין פון אונדזער יידי־שער, פילפאַרביקער שוישפּילער־גאַלעריע.

אָבער נישט וועגן „טעאַטער־לעקסיקאָן" פון זלמן זילבערצווייג וויל איך דאָ זאָגן די עטלעכע ווערטער. דאָס האָבן שוין זיכער געטאָן אַנדערע באַטייליקטע אין דעם דאָזיקן בוך. איך וויל דאָ אָבער אַרויסברענגען אַ לייסטונג פון זלמן זילבערצווייגן, וואָס איז אפשר דאָ אין אַמעריקע ווייניק באַקאַנט, און נעמלעך — זיינע פאַר־דינסטן פאַר די יידישע דראַמאַטישע קרייזן איבער די הונדערטער שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע. זלמן זילבערצווייג איז דער מחבר פון איבער 40 איינאַקטערס, אָריגינעלע, איבערזעצונגען און אויך באַאַרבעטונגען פון קלאַסישע ווערק פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. דידאָזיקע איינאַקטערס זיינען געווען דער „אייזערנער רעפּערטואַר" פון די פאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזן און אַמאַטאָרן־טעאַטערס איבער די פּראָווינץ־שטעטלעך אין פוילן, ליטע און רומעניע. דער אויטאָר פון דידאָזיקע שורות איז אַליין אַמאָל אין זיין היים־שטעטל אין פוילן געווען דער „סטאַר" אין זילבערצווייגס איינ־אַקטערס . . .

ביז זילבערצווייגן איז דער רעפּערטואַר פון די יידישע דראַמאַ־טישע קרייזן באַשטאַנען פון געציילטע איינאַקטערס, און עס ווערט

נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אַ דאַנק זיין באַרייכערן דעם רעפּערטואַר פון די יידישע דראַמאַטישע קרייזן, איז זלמן זילבערצווייג געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע שרייבער אין מזרח־איירָאָפּע.

איך האָב זיך מיט זילבערצווייגן באַגעגנט אויף וואָקזאַלן און אין די פּאָרטן פון פאַרשידענע לענדער און קאָנטינענטן, און שטענדיק האָב איך אים געזען דורכגעדרונגען מיטן באַגער צו אַנטדעקן אָדער אויפזוכן די אויפגייענדע אָדער די פאַרגאַנגענע „בלאָנדזשענדיקע שטערן״ פון יידישן טעאַטער.

ווי אַלע פריינט פון זלמן זילבערצווייגן, האָב איך תמיד באַוואונדערט זיין ענערגיע און יוגנטלעכן ברען און איך בין דעריבער איבערראַשט געווען, ווען נאָך עטלעכע יאָר האָב איך פּלוצים אין אַמעריקע דערזען זילבערצווייגן מיט אַ גרויען קאָפּ האָר. באַלד האָב איך זיך אָבער אַ טראַכט געטאָן: דאָס האָט זילבערצווייג מסתמא אָנגעטאָן זיך אַ ווייסן פּאַרוק, דאָס שפּילט ער זיכער טעאַטער . . . וואָרום אין זיין אַקטיוויטעט איז ער פאַרבליבן אַזוי יונג ווי אין יענע יאָרן, ווען ער האָט געשאַפן דעם רעפּערטואַר פאַר די ליבהאָבער־קרייזן.

•

פּאַלגענדע חברים פון י. ל. פּרץ צווייג 83,
אידיש נאַציאָנאַלער אַרבייטער פאַרבאַנד,
באַגריסן האַרציג ח׳ זלמן זילבערצווייג, פּאָרזיצער פון צווייג,
צו זיין 30 יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט:

מ. באַסין, י. בערנשטיין, ל. ברזל, י. בערגער, ה. גראַנט, דר. י. גראָסמאַן י. דובערשטיין, ס. דאַרמאַן, דר. ס. הערשמאַן, י. האָראָוויץ, מ. וויס, י. וועג, ד. וואָלראַט, י. ווישניץ, ה. וואַקסבערג, ה. זיסמאַן, א. טאָפּי־לאָווסקי, מ. ירדני, י. יאַקובאָוויטש, מ. יפה, י. ליפשיץ, א. מאַכלים, א. מאַרקאָוו, ה. סילווערמאַן, ה. סטעטין, פּ. סקווירסקי, ל. ערליך, נ. פּאָמעראַנץ, ב. י. פּערלמוטער, ל. פּאָלשטיין, י. פאַללער, מ. פישער, א. קאַדיש, מ. קאַסטאָף, ה. ריבאָ, ב. ראַטנאָווסקי, ש. ראַסקין, מ. רודינאָוו, י. שאָר, דר. י. שטיין.

י. ל. וואַהלמאַן

אין די טעג פון געזאַנג . . .

אין יענע טעג האָט גאַנץ ארץ ישראל געזונגען. די פרייד פונם שאַפן און בויען מיט וועלכע דאָס האַרץ איז איבערפולט גע־ווען, האָט מיט אַ געזאַנג זיך אַרויסגעריסן אין דרויסן. ס׳האָט זיך פון זיך אַליין גע־זונגען, נישט זוכנדיק דערצו קיין ספּעציעלע געלעגנהייט. ס׳האָט זיך געזונגען ביי דער אַרבעט און ס׳האָט זיך געזונגען אין די שעה׳ען פון אָפּרו. ס׳האָט זיך געזונגען בציבור און ס׳האָט זיך געזונגען ביחידות. דער כישוף פון דער באַנייטער „מעשה בראשית" האָט אַרויסגעשלעפּט פון די לאַנג־פאַרגעסענע קינדער־יאָרן די שבת׳דיקע זמירות־ניגונים פון טאַטן און זיידן; אַלטע קאָצקער און וואָרקער ניגונים, טריסקער און טשערנאָבלער, זיינען פלוצים ווי אויפגעשטאַנען צו „תחית־המתים" אין די מיילער פון די צעכראַשטשעטע און צעהוליעטע חלוצים אין ארץ־ישראל . . .

אין איינעם פון יענע געזאַנג־טעג בין איך אָנגעקומען און זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. איך האָב נאָך נישט באַוויזן אויפצועפענען דאָס ערשטע פון מיינע האַנט־געפּעק, ווי איך האָב שוין געהאַט געסט אין שטוב: זלמן זילבערצווייג און שמחה פּיעטרושקאָ, מיט וועמען איך בין געווען באַפריינדעט נאָך פון דער אַלטער היים, האָבן נאָך פון פריער געוואוסט דעם צוועק פון מיין אַהערקומען, אַלס „ספּעציעלער שליח" פון דער וואַרשעווער צייטונג „דער מאָמענט", און געקומען זיינען זיי צו מיר מיט אַ „קאָלעגיאַלן פאָרשלאַג" נאָך איידער איך זעץ זיך אַוועק צו דער אַרבעט, אָדער — ווי זילבערצווייג האָט זיך טעאַטראַליש אויסגעדריקט — „איידער איך צי אוים דעם ערשטן סמיטשיק" . . .

שמחה פּיעטרושקא האָט זיך דעמאָלט שוין געהאַט „קונה־שם" געווען מיט די שיינע תורה־ווערטלעך, וואָס ער פלעגט אַריינפלעכטן

אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס צום ווארשעווער „היינט", און זלמן זילבערצווייג — דאָס איז געווען גאָר אַ מזיק פון אַ ייד. יענער האָט געאַרבעט אויף צוויי באַזונדערע ווארשטאַטן „ולא קרב זה אל זה". צום „פאָרווערטס" האָט ער געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס אונטערן נאָמען „ש. גלות", און צום „טאָג" האָט ער קאָרעספּאָנדירט אונטערן נאָמען „ז. כספּי". צו יעדן פון די צוויי צייטונגען האָט ער געשריבן מיט אַ ספּעציעלן נוסח, אַזוי, אַז קיינער פון זיי ביידן האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דער דאָזיקער חברה־מאַן באַדינט אויך די קאָנקורענט־צייטונג . . .

דער „קאָלעגיאַלער פאַרשלאַג" מיט וועלכן זיי ביידע זיינען צו מיר געקומען, איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקן: מיר אַלע דריי מאַכן צווישן זיך אָפּ אַ הסכם פון אַ געמיינזאַמער אַרבעט, ביים צונויפזאַמלען דאָס אינפאָרמאַטיווע מאַטעריאַל. דאָס הייסט, אַז נישט יעדער איינער פון אונדז זאָל באַזונדער אַרומלויפן ווי אַ שמעק־הונט, און מיט אַלע כחות וועלן איבערכיטרעווען די אַנדערע צוויי חברים, כדי, אַז די אָדער יענע אינטערעסאַנטע געשעניש פון ארץ־ישראל זאָל די ערשטע האָבן דווקא זיין צייטונג. איך האָב גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, און אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ דריי־גאָרנדיקער אַפּאַראַט צום באַדינען די יידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועגן אַלע ענינים און געשענישן פון ארץ־ישראל.

דאָס לאַנד האָט דעמאָלט געהאַלטן אין אַ פיבערהאַפטן פונאַנדערבויען זיך. די כוואַליעס פון דער „פערטער עליה", צוזאַמען מיטן געלט־שטראָם און אונטערנעמונגס־גייסט פון אַמעריקע האָבן זיך געטראָגן איבערן לאַנד מיטן אימפּעט פון בויען און שאַפן. ממש איבערנאַכט זיינען אין תל־אביב אַנטשטאַנען פאַבריקן און ווארשטאַטן, און אויף די פּוסטע זאַמדיקע בערגלעך פון מיטן שטאָט האָבן ווי אַרויסגעשפּראָצט די צויבערפולע גאַסן פון „לב־תל־אביב". דאָסזעלבע איז אויך געשען אין די אַנדערע פלעצער פון לאַנד. אינם האַלב־וויסטן „שרון" האָט מען געאַקערט און געפלאַנצט די פּרדסים פון מגדיאל, רעננה, און הרצליה. און פון יענער זייט „וואַדי־מוס־ראַרא", האָט ר' איטשע גערשטנקאָרן פאַר די אויערן ממש אַרויסגעשלעפּט אַ קאָלאָניע פון לומדים, די באַקאַנטע „בני־ברק"; אין עמק־יזרעאל האָבן די רביים פון יאַבלאָנאָ און קאָזשעניץ אַריבערגעבראַכט זייערע חסידים פון די ווארשעווער נאַלעווקעס און אייזערנעם

טויער, און האָבן זיי אוועקגעשטעלטביים אַקער־אייזן און ביים מעלקן קיה; אַביסל העכער אַרויף צו מזרח — אין דזשעדאַ — האָבן די לאָדזשער טעקסטיל־פאַבריקאַנטן מאָטל ראָזענבערג מיט זיין ברו־דער הערמאַן ע"ה געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער טעקסטיל־פאַבריק „מנור"; נישט ווייט פון חדרה האָט אַ גרופּע לובלינער יידן אָפּגעקויפט באָדן פאַר דער קאָלאָניע כרכור, און אַזוי כסדר. איבערן גאַנצן לאַנד האָט געפּלייצט דער ענערגיע־שטראָם פון דער „פערטער עליה" צוזאַמען מיטן געלט־שטראָם. וואָס איז געגאַנגען דורך דער אַמעריקאַנישער „אחוזה א'" און „זייאָניסט קאָמענוועלטה". די דאָזיקע אויפלעבונגס־שטראָמען, טראָץ דעם וואָס טייל זיינען שפּעטער צוזאַמענגעבראָכן, האָבן פאָרט אַריינגע־ברענגט אַ גרויסן און מעכטיקן אימפּולס אינם אויפבוי־וועזן פון ארץ־ישראל.

אונדזער „זשורנאַליסטן טראַיקע", ווי מען פלעגט זיך ווי־צלען אין ישוב, האָט ביי די אַלע געשעענישן געאַרבעט מיט דער גאַנצער פאַרע. אונדזערע הערצער זיינען פול געווען מיט פרייד, וואָס מיר האָבן זוכה געווען ביים „עת אחלום שיבת שבותך" צו זיין דער „כינור לשירייך". אונדזער אַרבעט פלעגט געטאָן ווערן מיט געזאַנג. מיר זיינען תמיד געווען צוזאַמען אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע שמחות, און פאַרנדיק אין אויטאָבוס האָט מען דעם גאַנצן וועג געזונגען, קומענדיק אהיים, האָבן מיר ווידער געזונגען.

געוואוינט האָבן מיר אַלע דריי אין אַ נאָענטער שכנות'שאַפט. זיי ביידע — טיר ביי טיר — אויף רחוב בצלאל און איך — אויף רחוב הכרמל. דער וועג פון מיר צו זיי איז געגאַנגען איבער אַ טיפן זאַמד, אָבער ביי אַ פריידיק געזאַנג איז זייער לייכט געווען אַריבערצושווימען די זאַמד־כוואַליעס. מיר פלעגן צוזאַמען זיך באַ־ראָטן וועגן די געזעענע און געהערטע ענינים, און דערנאָך האָט יע־דערער געשריבן צו זיין צייטונג לויט זיין סטיל און נוסח.

אין ישוב האָט מען זעלטן געזען ווען ס'איז פון אונדז באַ־זונדער, וואָרום כמעט תמיד זיינען מיר צוזאַמען געווען און צוזאַמען געאַרבעט. און געקוקט האָט מען אויף אונדז, ווי אויף אַ מעכטיקן פאַקטאָר אין דער אויפבוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל. וואָרום מיר זיינען געווען די אינפאָרמאַציע־ליפעראַנטן פאַר די גרעסטע און באַדייטנד־סטע יידישע צייטונגען אין גאָר דער וועלט. מיר האָבן איבערגע־

טראָגן די טענער פונם ארץ־ישראל'דיקן געזאַנג צו כמעט אַלע צענ־טערן פונם גלות־יידנטום.

צי וועלן מיר ווידער אַמאָל זוכה זיין צו הערן אַזאַ געזאַנג אין יידישן לאַנד? — און ווען וועט דאָס געשען? . . .

באַגריסונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו
פון אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד

מיר שיקן אַ האַרציקע באַגריסונג צו חבר זלמן זילבערצווייג לכבוד זיין דרייסיק יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט.

מיר ווינטשן דעם יובילאַר נאָך פיל יאָרן פון פרוכטבאַרן שאַפן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

גענעראַל עקזעקוטיוו פון
אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד

דוד פינסקי, פרעזידענט — ל. סיגאַל, סעקרעטאַר

באַגריסונג פון ניו יאָרקער שטאַט־קאָמיטעט
פון אידיש נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד

מיר שיקן אונדזער באַגריסונג צו חבר זלמן זילבערצווייג צו זיין דרייסיק יאָריקן יובילוי אויפן געביט פון ליטעראַרישן שאַפן.

דער יובל לכבוד חבר זילבערצווייג איז פאַר די פאַרבאַנד מיטגלידער אַ גרויסער יום־טוב.

מיר ווינטשן אים דערפאָלג אין אַלע זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען.

ניו־יאָרקער שטאַט־קאָמיטעט
אידישער נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד
ש. בורשטיין, סעקרעטאַר

זלמן זילבערצווייג׳ס יובל־בוך

מונטריאל פברואר 2, 1941

זלמן יקירי:

מכתבך הגיעני אתמול, ולדאבוני לא אוכל למלא את בקשתך לכתוב מעט זכרונות מהימים הנעימים שבהם עבדנו יחד גם בפולין וגם בארץ ישראל. היו אלה ימי הזוהר והקסם של תום ואמונה באנשים ובאנושיות, של שאיפות ומרחביה, של חלומות על השיגים כבירים גם בעתונות וגם במדע. עכשו הנני „ריפיודז׳י" מסכן, דבר פסיבי, עלה נדף, המטולטל באויר לכל אשר ישאנו הרוח, כמוץ יסוער מגורן, נטע שנעקר פתאום משרשו והולך ומתנון מבלי קרקע לצמיחה ואויר מתאים לנשימה. מן הימים הטובים האלה נשארו בי רק געגועים וכיסופים גלויים וטמירים, בכל אופן מעוטפים בערפלי אי־מציאות, ואינני יכול להביעם במילים ובדברים שבכתב, ובפרט אינני רוצה להפריע את שמחתך ולקונן את קינתי בשעת חדוה, כי נתקיימו בי דברי איוב „ויהי לאבל כנורי ועוגבי לקול בוכים". כל הימים הללו שבהם טיילנו יחד תחת שמי התכלת בתל אביב ובירושלים והלכנו בערב מנחלת יעקב לנהלל ותעינו יחד בדרך וסוף סוף הגענו לישוב, הם כל כך רחוקים ממני במובן הפסיכולוגי עד שאוכל להגיד עליהם יחד עם המשוררת רחל „ואולי לא היו הדברים מעולם", חלום יפה שחלמתי ובהקיצותי והנה מציאות מרה, מכוערת, דבר שאין לי חפץ בו.

תסלח לי על הדברים האלה, ולשמחתך הנני לברכך בשנים רבות של עבודה פוריה אשר תמצא בה סיפוק נפשי, ושתבלה יחד עם רעיתך מרים ועם בנך אבשלום את שנותיך בנעימים,
כחפץ ידידך

שמחה פיטרושקה

מלך ראַוויטש
(מעקסיקאָ)

דער לאָדזשער מענטש



אָזאָרקאָוו איז אַ שטעטל ביי לאָדזש, און אַלע אָזאָרקאָווער האָבן ווער מער און ווער ווייניקער געלעבט אין לאָדזש און גע־אַרבעט דאָרט.

און ווער עס איז אין לאָדזש נישט גע־ווען קיינמאָל אין זיין לעבן, דער קען קיין לאָדזשער ייד קיינמאָל אין זיין לעבן נישט פאַרשטיין. פאַראַן אויף דער וועלט אַלערליי ראַסן, און צו די אַלע ראַסן קומט צו נאָך איין ראַסע „לאָדזשער־מענטש״. אַזוי האָבן זיי זיך טאַקע אַליין גערופן כדי זיך צו אונטערשיידן פון אַלע אי־בעריקע מענטשן פון דער וועלט.

— אַז זי זענען נישט קיין לאָדזשער מענטש (פלעגט מיר אָפט זאָגן אַ לאָדזשער), ווי קענען זי דאָס פערשטעהן?

אַ לאָדזשער, דאָס איז געווען אַ מישונג פון רוס, דייטש, פאָליאַק און ייד. אַ לאָדזשער איז געווען אַ מישונג פון אַן אינטעליגענט און אַרבעטער, גביר און קבצן, איידלמאַן און פלעבעיער, שונדיסט און קינסטלער, עטישער מענטש און גנב, סוחר און באָהעמיען.

אַ לאָדזשער איז אַלעמאָל באַוועגלעך און פול מיט רייד און מיט זשעסטן און, אַז ער רעדט, מעג ער זיין אַ פאָליאַק, רוס, דייטש אָדער ייד — מישט ער אַלע לשונות צוזאַמען, און אַז ער איז אַ ייד, מישט ער אין זיין יידיש אַלע דיאַלעקטן — אָט איז ער אַ ליטוואַק און אָט אַ גאַליציאַנער און אָט אַ פאָנקע און ביי דעם אַלעמען דער־קענסטו דעם ספּעציפישן ריין לאָדזשער יידיש.

אין לאָדזש פלעגט מען נישט גיין אויף די טראָטואַרן, נאָר אויפן מיטן גאַס, דערפאַר זיינען די דראָשקעס מער געפאָרן אויף די טראָ־טואַרן ווי אויפן מיטן גאַס. דאָס איז אָבער אַלץ נאָך געווען אין די גוטע יאָרן פון דער פראָספּעריטעט פון פאַר און נאָך דער ערשטער מלחמה, שפּעטער זיינען געקומען די טויזנטערליי אוקאַזן פון דער

פוילישער מאַכט און אין 1939 איז לאָדזש געוואָרן „ליצמאַנשטאַט״ אונטערן קנאַפּל פון דייטש און — ווער ווייסט, וואָס ווייטער.

און זלמן זילבערצווייג איז אַ לאָדזשער מיט אַלע פּישטשעווקעס. ער האָט אַן אַגרעסיוו פּנים, אַ דורכדרינגענדיקע שטימע, טראָגט גרויסען אויגן־גלעזער, וואָס גלאַנצן און מיניען, איז אַ הויכער, איז אַלעמאָל אַביסל פאַררויטלט אין פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט פאַרענדיקט עפּעס אַ שאַרפן דיספּוט, אָדער וואָלט געוואָלט אַזאַ מין אָנהייבן. ער איז דאָס, וואָס אַלע לאָדזשער זיינען אַלעמאָל געוועזן — די פעאיקייט אַליין און גרייט זיך צו נעמען צו אַלץ אין דער וועלט. צו די אַלע אויסגערעכנטע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ לאָדזשער, וואָלט נאָך געפעלט אומפּינקטלעכקייט, לאָזט זיך אויס, אַז אַ לאָדזשער איז דוקא פּינקטלעך לרוב, און זילבערצווייג איז פּינקט־לעך ביז משוגעת. אַז מען רעדט מיט אים אָפּ זיך ערגעץ צו טרעפן, קומט ער צו דער רגע און, אַז מען באַשטעלט ביי אים אַן אַרבעט, מאַכט ער זי צו דער סעקונדע פּאַרטיק.

וואָס האָט ער דען נישט אַלץ געשריבן און איבערזעצט און אויפ־געפירט אין טעאַטער און רעדאַגירט, אָט דער זילבערצווייג, נאָר קיינס פון זיינע ווערק און אויפטועו האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן. זיין לעבנסווערק, און דאָס איז געוועזן זיין באַשערונג, איז דער „לעקסי־קאָן פון יידישן טעאַטער״. אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער וועט אַמאָל מוזן זיין אַ ספּעציעל קאַפּיטל געשיכטע פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ פון זלמן זילבערצווייג.

אין איין שיינעם טאָג איז אויסגעוואַקסן אין די יידישע צייט־טונגען אַן אַנאָנס, אָדער אַ נאָטיץ, אַז זלמן זילבערצווייג גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ און, אַז מען קען זיך אַבאָנירן און מען קען צאָלן צען דאָלער און אויך מער. נישט אַלע האָבן געוואוסט, אַז הינטער דער נאָטיץ שטייען שוין צענדליקער יאָרן צוגרייטונגס־אַרבעט, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס וועט זיין אַ מין „הו איז הו״ (ווער איז ווער), וואָס, אַז מען צאָלט מער אַלס אַבאָנענט, באַקומט מען מער שורות און שענערע בילדער אַלס פאַר־זענלעכקייט . . . דער שרייבער פון די שורות האָט געמאַכט וועגן דעם נאָטיץ אין אַ צייטונג אין אַזאַ זין.

זילבערצווייג, וואָס האָט בדעה געהאַט אַן ערלעכן און פּינקט־לעכן „לעקסיקאָן״ און נישט קיין געצאָלטן „הו איז הו״, האָט רעאַגירט

דערויף מיט דער גאַנצער לאַדזשער אויפגעברויזקייט און אַזוי רעאַגירט ער נאָך. ער קען עס מיר נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן. מיר זיינען שוין זינט דעמאָלט גוטע ברידער געוואָרן, האָבן זיך שוין ווידער באַגעגנט און איבערגעבעטן אין אַלערליי לענדער, נאָר ער קען עס נישט פאַרגעסן. איך האָב שוין זיין „לעקסיקאָן״ — וואָס איז אַ רעזולטאַט פון צענדליקער יאָרן בינעך־פּלייסיקער נערוון־צעשטערנדיקער אַרבעט — געריכט ביז אין הימל אַריין פאַר בייטראָגן דאָרט, וואָס זיינען ממש קוואַלן פאַר קומענדיקע יידישע טעאַטער־היסטאָריקער. זיינע גאָלדפאַדען (וואָס פעלט אגב אינגאַנצן אין רייזענס „לעקסיקאָן״) און גאָרדין־אַרטיקלען זיינען ממש קליינע לעקסיקאָנדלעך פאַר זיך אַליין. אָבער דאָס אַלץ העלפט נישט — זילבערצווייג קען מיר נאָך אַלץ יענע עולה נישט פאַרגעסן. דאָס כבוד־געפיל פון אַ לאָדזשער־מענטש האָט גאָר קיין גרעניצן נישט.

ווערק, וואָס ווערן ביי די לייטן אַרויסגעגעבן פון גאַנצע געזעלשאַפטן און פון שטאַבן פון מיטאַרבעטער, מאַכן ביי אונדז יחידים, אַזוי רייזענס און אַזוי זילבערצווייגס לעקסיקאָנען. אַז זילבערצווייג האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זיין צווייטן באַנד — דער דריטער און לעצטער איז נאָך אַלץ (1940) נישט אַרויס — אין אַמעריקע, האָט ער אים געזעצט אין אַ קליינער יידישער זעצעריי, וואָס איז געשטאַנען אין אַ וואַלד . . . אין אַ טיפן און געדיכטן וואַלד, וואו מען האָט געמוזט אַרבעטן 18 שעה אַ מעת־לעת, ווייל עס איז נישט געווען עפּעס בעסערס צו טאָן און מען האָט געמוזט לעבן פון מילך און ברויט, ווייל מען האָט עפּעס אַנדערש נישט געקראָגן און דערפאַר איז דאָס זעצן דאָרט ביליק געווען — ווי מילך מיט ברויט. צו דעם צוועק איז זילבערצווייג געקומען פון אַמעריקע קיין פוילן און האָט זיך באַזעצט אין דעם וואַלד אויף חדשים. אפשר דער וואונדערלעכסטער עפּיזאָד פון די וואונדערלעכע עפּיזאָדן פון דער יידישער טעאַטער געשיכטע.

ראובן גוסקין

אונדזער ערן־מיטגליד

איצט, ווען דער מאַן, וואָס האָט ביי אַלעמען אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַזיאָר, ווערט באַגריסט ווי אַ רעאַליסט, ווי אַ מאַן נישט פון חלומות, נאָר פון טאַטן, ווען פאַר אונדז ליגן די צוויי פרעכטיקע, גרויסע בענדער פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער”, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט פון שטויבעלעך, איצט מעג מען דאָך שוין זאָגן דעם אמת, אַז ווען זילבערצווייג איז געקומען אין 1926 און האָט זיך געווענדעט צו אונדז מיט זיין פלאַן וועגן „לעקסיקאָן”, האָבן מיר געפּרובט אים אָפּקילן.

מיר האָבן דאָס געטאָן נישט דערפאַר, וואָס דער פלאַן זיינער איז אונדז נישט געפעלן. מיר האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען די וויכ־טיקייט און באַדייט פון „לעקסיקאָן”, באַזונדערס טאַקע פאַר אונדזער פאַך. מיר האָבן געהאַט די בעסטע מיינונגען וועגן זילבערצווייגן אַלס פערזאָן. מיר האָבן אָבער גוט געקענט די באַדינגונגען אין וועלכע אונדזער פראָפעסיע געפינט זיך. ווען מיר האָבן געזען ווי אַזוי עס הייבט זיך אָן איינברעכן דער עקאָנאָמישער באַזיס פון יידישן טעאַטער, האָבן מיר זיך געשראָקן, אַז אַזאַ גרויסע אונטערנעמונג איז נישט פאַר אונדזערע כחות.

ווען זילבערצווייג איז צו אונדז געקומען, איז ער נישט געווען אַ מענטש אָן אַ פאָסטן. ער איז דעמאָלט געווען אָנגעשטעלט אין „פאָרווערטס” אַלס קאָרעספאָנדענט פון פאַלעסטינע, און אויסער זיין מאָראַלישן גרויסן דערפאָלג אַלס זשורנאַליסט, האָט ער געהאַט גוט פרנסה. ער האָט געהאַט אַ זיכערע עקזיסטענץ פאַר זיך און זיין פאַמיליע. מיר אָבער האָבן געוואוסט, אַז דאָס שאַפן דעם „לעקסיקאָן” וועט אים אַוועקרויבן אי פון זיין פאַמיליע און אי פון זיין שטיקל גע־זיכערט ברויט. מיר האָבן זיך געשראָקן, אַז ער קאָן נאָך פאַרלירן דידאָזיקע עקזיסטענץ, אויב זיין פלאַן פון „לעקסיקאָן” וועט נישט קאָנען דורכגעפירט ווערן. אָבער דער פלאַם פון באַגייסטערונג,

וואָס האָט געברענט אין אים, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מיט אונדזע־רע קאַלטע ווערטער פון לאָגיק און אויסרעכענונג האָבן מיר עס נישט געקאָנט פאַרלעשן אין אים.

פאַרקערט: ער האָט באַוויזן אונדז אָנצוצינדן מיט זיין התלהבות־דיקער אַרבעט און גאַנץ אָפּגעגעבן מקריב זיין זיך פאַר אַן אידעאַל. יאָרן לאַנג שוין וואָס מיר זיינען ביים טעאַטער נישט געוואוינט צו זען קיין אידעאַליסטן. דאָ האָבן מיר פאַר זיך געזען אַן אידעאַליסט פון ערשטן סאָרט, אַ מענטש, וואָס האָט אין ווערטלעכן זינען פון וואָרט מקריב געווען זיך און זיין פאַמיליע, זיין ברויט און זיין פאַמיליע־לעבן און רעפּוטאַציע אַלס זשורנאַליסט. מיר זיינען גע־ווען עדות פון אַ טאָג־טעגלעכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט כסדר׳דיקע מיספאַרשטענדלעכע באַציאונגען מצד שוישפּילער און גאַנץ אָפט שרייבער. מיט איין וואָרט: עס האָבן זיך געפאָדערט אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע און קערפּערלעכע כוחות כדי דורכצומאַרשירן דעם וועג פון שטערונגען און שטרויכלונגען, וואָס זילבערצווייג האָט געהאַט דורכצומאַכן ביז זיין פּראָיעקט האָט דערזען די ליכטיקע וועלט.

אין דער צייט וואָס דער יידישער אַקטיאָר אַלס יחיד האָט גאַנץ אָפט נישט אַרויסגעוויזן די געהעריקע באַציאונג צו זילבערצווייגן, האָט אָבער די יוניאָן אַלס גאַנצע קערפּערשאַפט פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען זי האָט אינדאָרסירט די אויסגאַבע פון „טעאַטער לעקסיקאָן״, אַרויסגעוויזן אַ פריינטלעכע באַציאונג צו זילבערצווייגן און מיט אַלע אירע מיטלען אונטערשטיצט די דערשיינונג פון „לעק־סיקאָן״. גאַנץ אָפט האָט די יוניאָן זיך אָפּגעזאָגט פון אונטערנעמונגען לטובת איר קאַסע, אין וואָס זי האָט זיך זייער געניטיקט, און אָפען געלאָזט אונטערשטרייכן, אַז זי באַטראַכט דעם „טעאַטער־לעקסיקאָן״ פאַר אַ וויכטיק געשעעניש אין איר אייגן לעבן, און, אַז זי שעצט אָפּ זילבערצווייגס אידעאַליסטישן לעבן.

איצט ערשט, ווען מיר בלעטערן די צוויי בענדער און זעען וויפל פאַרשטאַרבענע לעבנס עס זיינען צוריקאויפגעשטעלט געוואָרן צו תחית המתים, וויפל וויכטיקע פאַסירונגען, פאַקטן און געשעענישן, עפּיזאָדן און אַנעקדאָטן, היסטאָרישע ווענדונגען און געשיכטלעכע פאַרצייכנישן עס זיינען אָפּגעהיט געוואָרן פון אייביקער פאַרגעסנ־קייט, אַ דאַנק דעם „טעאַטער לעקסיקאָן״, פילן מיר דאָפּלט אונדזער

פרייד און אונדזער צופרידנקייט מיט דעם, וואָס מיר האָבן מיט אַלע כחות מעגלעך געמאַכט, אַז דער „טעאַטער לעקסיקאָן" זאָל קאָנען דערזען די ליכטיקע וועלט.



קאָמיטעט פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער"

זיצנדיק (פון רעכטס צו לינקס): פּרענאָוויץ, רומשינסקי, שוואַרץ, גוסקין, קאַליך, שאַר, יאָוועליר און קעשיר.

שטייענדיק (פון רעכטס צו לינקס): פּערלמוטער, מעסטעל, זילבערצוויג, אַשעראָוויטש, דזשיקאָבסאָן, סימקאָף און גרינפעלד.

אונדזער געפיל איז נאָך מער געשטאַרקט דורך דער אומפּאַרטיי־אישקייט, וואָס עס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אין דער באַהאַנדלונג צו אַלע, וועלכע קומען אַריין אין דעם בוך. קיין שום פּערזענלעכע אינטערעסן, קיין שום פּאַרטיי פּאָליטיק און קיין שום „פּאָליטיקאַניזם" איז דאָ נישט פאָרגעקומען, כאָטש דאָס האָט אָפט שווערער געמאַכט די מאַטעריעלע זאָרגן. אפילו די, וועלכע האָבן אָרגאַניזאַציאָנעל גע־האַט סכסוכים מיט אונדזער יוניאָן, האָבן אין „לעקסיקאָן" נישט געקאָנט זען קיין שום נקמה קעגן זיי. דער „לעקסיקאָן" איז פון די געציילטע ערלעך היסטאָרישע ווערק, און דאָס שרייבן מיר צו אונדזער קרעדיט דורך נישט מישן קיין שום קאָמערציעלעס אין דער רעדאַק־

ציע און דורך נישט האַלטן זיך ענג אין אונדזערע אייגענע יוניאָן־ראַמען. שוישפּילער און טעאַטער־לייט פון דער גאַנצער וועלט זיינען פּונקט אַזוי באַהאַנדלט געוואָרן ווי אונדזערע אייגענע מיטגלידער, וועלכע האָבן מאַטעריעל און מאָראַליש מיטגעהאָלפן צו די צוויי ביז איצט דערשינענע בענדער.

אויף אַזאַ אופן איז דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" באמת די היסטאָריאָגראַפיע פון אַלוועלטלעכן יידישן טעאַטער אָן אונטערשיד פון לאַנד, פון פּאַרטיי־ריכטונג, פון צייט און טעאַטער־שטרעבונגען.

אין אונדזער הקדמה צום ערשטן באַנד, האָבן מיר אויך גלייכצייטיק אָנגעדייט, אַז גראָד איצט, ווען דער „לעקסיקאָן" איז געשאַפן געוואָרן, לעבט איבער דאָס יידישע טעאַטער אַ גרויסן קריזיס. עס איז דעריבער אפשר נישט מעגלעך געווען צו לייסטן פאַר דעם „לעקסיקאָן" מיט דער פולער הילף, וואָס ער פאַרדינט. די מאַטעריעלע לאַגע איז זייט דעמאָלט געוואָרן נאָך שווערער, און דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיקן פּונקט. דער „לעקסיקאָן" האָט געהאַט מזל, וואָס אין דער פּערזאָן פון זלמן זילבערצווייג האָט ער געקראָגן נישט נאָר דעם פּאַסיקן רעדאַקטאָר, נאָר אויך דעם וויזיאָנער, דעם בעל־חלומות, וואָס האָט אין דער גאַנצער וועלט געזען פאַר זיך נאָר איין אויפגאַבע — זען, אַז דער „טעאַטער לעקסיקאָן" זאָל דערשיינען, און צו דעם צוועק האָט ער זייער אָפט פאַרביטן דאָס רעדאַקטאָר־טיטל, אויף אַ „מענדעלע מוכר ספרים"־וועגעלע און זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט אונדז העלפן שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען, און געטאָן האָט דאָס זילבערצווייג דערפאַר, ווייל דער „טעאַטער לעקסיקאָן" איז אים הייליק און טייער און אַלע קרבנות און אַלע מינים אַרבעטן זיינען אים נישט געווען צו שווער און צו נישט־פּאַסיק אַבי זען פאַרווירקלעכט זיין און אונדזער חלום.

די יידישע אַקטיאָרן יוניאָן אין אַמעריקע האָט דאָס אָפּגעשאַצט. זילבערצווייג האָט ביי אונדז נישט געפירט קיין גביר'יש לעבן, פאַרקערט, ער האָט אָפט געליטן נויט, ווייל מיר האָבן זיך מיט אים געקאָנט נאָר טיילן מיט אונדזער שטיקל ברויט, און אונדזער שטיקל ברויט איז אין די לעצטע יאָרן קליין און דאַר. אָבער וואָס עס איז אָנבעלאַנגען צו מאָראַלישער באַפרידיקונג האָט זי זילבערצווייג ביי אונדז פולשטענדיק באַקומען. די יוניאָן האָט אים באַשטימט אַלס איר ערן־מיטגליד, און עס איז נישטאָ אין דער גאַנצער טעאַטער־

פּראָפּעסיע אַן אייגענער מענטש, וואָס זאָל זיין אַזוי באַליבט ביי אַלעמען ווי זילבערצווייג.

בנוגע מיר פּערזענלעך, ווייסן אַלע, אַז פון דער ערשטער מינוט, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", גענאָסע אב. קאהאן, האָט פאַר מיר פאַרגעשטעלט זילבערצווייגן, הערשן צווישן אונדז די בעסטע באַציאונגען. איך האָב ליב זיין אידעאַליזם, זיין ערלעכקייט, זיין טאַקט און זיין ענערגיע — אייגנשאַפטן, וואָס גייען זעלטן אַלע צוזאַמען ביי איין מענטשן. איך האָב אים געגוי באַאָבאַכטעט אין די אַלע יאָרן, וואָס ער פלעגט קומען און פאָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איך האָב אים „געוואַטשט" אפילו אין די לענדער פון איירָאָפּע אָדער דרום־אַמעריקע, וואוהין ער איז געפאָרן אין די אינטערעסן פון „טעאַטער לעקסיקאָן", און מיין איינדרוק איז קיינמאָל נישט געענדערט געוואָרן. ער פאַרדינט צו זיין דער ערן־מיטגליד פון אונדזער אַקטיאָרן יוניאָן און ער איז גלייכצייטיק אַ כבוד פאַר דער יוניאָן. ביי יעדער געלעגנהייט, וואו עס איז געקומען די פראַגע וועגן יידישן טעאַטער, סיי אין דער פרעסע, סיי אין דיסקוסיעס, סיי אין די אינ־סצענירטע „משפטים איבערן יידישן טעאַטער" אין אַמעריקע, פּוילן, רומעניע און אַרגענטינע איז ער תמיד אויפגעטראָטן אַלס דער מליץ יושר פון יידישן טעאַטער, נישט דערפאַר, ווייל ער וויל זיין אַן אויס־נאַם צווישן יידישע שרייבער, נאָר ווייל ער גלויבט באמת אין דער וויכטיקייט פון יידישן טעאַטער. זילבערצווייג איז פון די, ליידער, געציילטע יידישע שרייבער, וואָס האָבן ליב יידיש טעאַטער נישט פון פערזענלעכע אינטערעסן, נאָר אַלס נאַציאָנאַלער ייד, וואָס שאַצט אָפּ די גרויסע וויכטיקע נאַציאָנאַלע מעלה פון יידישן טעאַטער, וועלכע פאַרדעקט אַלע קליינע און אָפּט מאָמענטאַלע חסרונות.

און דער לוין פאַר אים איז געקומען.

יידישע אַקטיאָרן, יידישע שרייבער, יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער און פשוט'ע פאָלקס־מענטשן קומען זיך איצט אַלע צוזאַמען צוטיילן אים כבוד.

פאַרדינט ער עס. אָבער איך ווייס, אַז עס איז פאַראַן איין מין כבוד, וואָס קאָן באמת אויסדריקן דאָס, וואָס מיר פילן צו אים און וואָס קאָן אים באמת מאַכן גוט פילן.

דאָס איז — אַ פאַרענדיקטער „טעאַטער לעקסיקאָן".

מיט דער זעלבער ענערגיע און פייער מיט וועלכע זילבערצווייג האָט געשאַפן די ערשטע צוויי בענדער „לעקסיקאָן" דאַרף ער און מוז זיך אויך אַריינוואַרפן אין פאַרענדיקן זיין ווערק, וואָס שטייט ווי אַ בנין אָן אַ דאַך.

די יידישע אַקטיאָרן יוניאָן וועט, פונקט ווי ביי די ערשטע צוויי בענדער, טאָן אַלץ וואָס אין אירע כחות, און איבער אירע כחות, מיטצוהעלפן, אַז דער חלום, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אין 1926 אין אָפיס פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן, זאָל פולשטענדיק פאַרווירקלעכט ווערן.

און דאָס גלויב איך און בין איבערצייגט וועט זיין דער אמת'ער אויסדרוק פון פאַרערונג צו אונדזער יובילאַר זלמן זילבערצווייג, דער ערן־מיטגליד פון דער יידישער אַקטיאָרן יוניאָן אין אַמעריקע.

די אָרגאַניזאַציע פון אידישע קאָמפּאָזיטאָרען

באַגריסט האַרציק דעם פאַראייביקער פון אברהם גאָלדפאַדענס

שאַפונג — דאָס יידישע טעאַטער,

דעם ליבן יובילאַר זלמן זילבערצווייג.

שלום סעקונדא, פּרעזידענט
הענרי לעפקאָוויטש, סעקרעטאַר

זלמן זילבערצווייגן, דעם ליבהאָבער נומער איינס פון יידישן טעאַטער — אַ גוט יום טוב.

איזידאָר און דזשעני קעשיר

מזל טוב דעם פאַרליבטן אין יידישן טעאַטער און אין זיינע פאַלשע און אמתע כהנים, דעם באַשרייבער פון אַלטן און נייעם יידישן טעאַטער, זלמן זילבערצווייג.

יעקב פישמאַן
סאָניאַ בירמאַן

חיים עהרענרייך

אַ טאָפּלטער מאָנומענט

דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" איז ניט בלויז אַ מאָנומענט פון דער יידישער טעאַטער־וועלט. ער איז אויך אַ מאָנומענט, וואָס זיין רעדאַקטאָר, זאַמלער, פאָרשער און שרייבער, זלמן זילבערצווייג, האָט זיך אַליין געשטעלט ביים לעבן, כאָטש זיין ליטעראַטור־טעטיקייט איז נאָך אין סאַמע בלי. דער „לעקסיקאָן" איז אַן אַרבעט, וואָס מיט אַלע זיינע חסרונות — און מסתמא האָט ער חסרונות — איז עס אַן אויסדרוק פון אומגעהייערער ענערגיע, וויסן, אויסערגעוויינלעכע אַמביציע און אַן עקשנות, וואָס איז כמעט לעגענדאַריש. דער „לעקסיקאָן" איז אַ באַוויז, דער ממשות'דיקער אויסדרוק פון אָט די אייגנשאַפטן זילבערצווייגס.

איך געדענק נאָך דעם סוף זומער פון איבער פערצן יאָר צוריק, ווען זילבערצווייג איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט זיין פּלאַן. אַמעריקע האָט דאַמאָלס טאַקע דורכגעלעבט אירע יאָרן פון „פּראָספּעריטי", אָבער די פּראָספּעריטי האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעטאָן פון יידישן טעאַטער. קומען מיט אַ פּראָיעקט, וואָס האָט געדאַרפט אָפּקאָסטן אַ פּאָר צענדליק טויזנט דאָלאַר האָט געהאַט אין זיך — אין אונדזערע אויגן — אַ דאָן־קיכאָטישקייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר טרעגער. געקומען איז זילבערצווייג דאַמאָלס פון ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון גרויסע חלומות, גראַנדיעזע, געוואַגטע טרוימען, און מיר האָבן נאָך דאַמאָלס ניט געוואוסט, אַז דאָרט האָט מען

זיך שוין אויסגעלערנט צו פּאַרוואַנדלען טרוימען אין ווירק־לעכקייטן.

מיר האָבן דאַמאָלס פּרובירט איבעררײדן, אָפּריידן זילבער־צווייגן פון זיין פאַנטאַזיע, אָבער איבערגערעדט האָט ער אונדז, געמאַכט צו גלויבן האָט ער אונדז. „אויב איר ווילט, איז עס ניט קיין חלום״ — זילבערצווייגס ערשטע שוועריקייט איז גע־ווען צו מאַכן אונדז צו גלויבן. ער האָט געקנעלט מיט דער אַקטיאָרן יוניאָן, ער האָט געקנעלט מיט כלל־טוער, מיט רע־דאַקטאָרן פון צייטונגען, מיט שרייבער, מיט יידישע מעצענאַטן. ער האָט „מיט איין האַנט״ געדאַרפט שאַפן אַ שטימונג פאַר זיין אַרבעט, אַרויסרופן באַגייסטערונג און גלויבן און פאַרוואַנדלען די באַגייסטערונג און דעם גלויבן אין אָרגאַניזירטער געלט־שאַ־פונג. מיט דער „אַנדערער האַנט״ האָט ער געדאַרפט זאַמלען די מאַטעריאַלן פאַרן ווערק, שטודירן, פאָרשן, פאַרצייכענען, שרייבן. דער אמת איז, אַז ניט צוויי „הענט״, נאָר אַ פּאָר טוץ איז ניט גענוג, און וויפל קעפּ מען דאַרף פאַר אַזאַ אונטערנע־מונג! און דאָך האָט ער זיין פּלאַן דורכגעפירט, זיין אידייע פאַרווירקלעכט.

איך גלויב ניט אויב ס׳זיינען דאָ אַ טוץ מענטשן, וואָס ווייסן און באַגרייפן דעם חיבוט הקבר וואָס זילבערצווייג האָט דורכגעמאַכט, די אַנטוישונגען, די אַנגסטן — אַפילו די בזיונות — אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין פּוילן, אין בראַזיל און אין פּאַריז, אין ווין און אין יאַסי, אַלץ כדי צו געבן דעם יידישן טעאַטער אַ לעקסיקאָן.

דעם יידישן טעאַטער —

אין דער אמת׳ן געניסט די יידישע צייטונג מיטן יידישן זשורנאַליסט פון דעם לעקסיקאָן. ס׳איז איצט שוועך צו פאַר־שטיין וואָס אַ שרייבער האָט געטאָן מיט פופצן יאָר צוריק, ווען מ׳האָט געדאַרפט גענויע אינפאָרמאַציע וועגן אַ יידישן טעאַטער־

ענין, אָדער אַ פּראָמינענטער יידישער שוישפּילער איז געשטאָרבן. וואו האָט ער דאַמאָלס באַקומען זיינע ידיעות — און געדאַרפט האָט ער זיי גלייך — וועגן דעם לעבן און דער קאַריערע פון דעם קינסטלער? מסתמא זיינען דאַמאָלס יידישע טעאַטער־קינסטלער נאָך ניט געשטאָרבן . . .

פאַראַן אַזוינע, וואָס קויפן זיך איין יענע וועלט מיט איין וואָרט, מיט איין טאַט, מיט איין געדאַנק. זילבערצווייג האָט זיך איינגעקויפט עולם הבא מיט אַ גרויסן מאָנומענטאַלן ווערק— דער „לעקסיקאָן פון יידישען טעאַטער". אַפילו ווען ער וואָלט קיין אַנדערע שורה ניט געשריבן, וואָלט זיין נאָמען פאַרבליבן איינגעקריצט אין דעם פּנקס פון יידישן וואָרט. ער האָט מחיה מתים געווען אַ וועלט — אַ וועלט וואָס לעבט און פאַרבליט אַזוי שנעל — און ער האָט מיט דעם זיך אַליין געשטעלט אַ מאָ־נומענט ביים לעבן.

ווינטש איך אים צו זיין 30־יאָריקן ליטעראַרישן יובילייִ, אַז ער זאָל פאַרענדיקן אָט די גרויסע אַרבעט. איך ווייס ווי טייער זי איז אים, און ווי וויכטיק זי איז פאַר אַלע, וואָס האָבן ליב די יידישע קונסט און קולטור.

●

אונדזער ליבן שוואָגער און פעטער זלמן זילבערצווייג באַגריסן מיר פון גאַנצן האַרצן צו זיין יום־טוב, וואָס איז אויך אונדזער יום־טוב.

די עטלעכע חדשים, וואָס ער האָט מיט אונדז פאַרבראַכט אין בוענאָס איירעס, זיינען ביי אונדז פאַרבליבן אויף שטענדיק ווי די גליקלעכסטע טעג אין אונדזער לעבן.

מיר ווינטשן אים אַ גליקלעך לעבן מיט אונדזער שוועסטער, שוועגערין און מומע מרים און זייער איינציק קינד אבשלום.

משה, מאַניע, יצחק און אסתר פּלוימבוים און טויבע שפּיראָ

בוענאָס איירעס, אַרגענטינע

יעקב קירשענבוים

דער באַפּוצער פון יידישן טעאַטער



איצט ווען מען פייערט זלמן זילבער־צווייגס 30 יאָריקע ליטעראַרישע טעטי־קייט, איצט ווען ער האָט ווידער אַרויסגע־געבן אַ ניי בוך „טעאַטער מאָזאַאיק״, און מיר ווייסן, אַז ער האָט שוין פאַרטיק כמעט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַרן דריטן און לעצטן באַנד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַ־טער״, שווימען אויף אין אונדזער זכרון פאַר־שידענע געדאַנקען וועגן די ערשטע טעג פון זילבערצווייגס אָנקומען קיין אַמעריקע אַלס דער „פאָרווערטס״ קאָרעספּאָנדענט פון ארץ ישראל.

פון די אַרטיסטן פון פּוילן, וועלכע האָבן אימיגרירט אין אַמע־ריקע, זיינען מיר נאָך איידער זלמן זילבערצווייג איז געקומען קיין ניו יאָרק, אינפאָרמירט געוואָרן, אַז ער איז צוגעבונדן מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה צום יידישן טעאַטער.

אָט די דאָזיקע צוגעבונדנקייט און זיין וואַרעמער אינטערעס צום יידישן טעאַטער האָט מיך אינטערעסירט צו זיין איינער פון די ערשטע אויסצושטרעקן אים מיין האַנט, ווי איך האָב דאָס געטאָן צו פיל אַנדערע יידישע טעאַטראַלן, קריטיקער און שריפטשטעלער.

לייענענדיק זילבערצווייגס נייעם בוך „טעאַטער מאָזאַאיק״ דערמאָנט מען זיך וויפיל שוועריגקייטן, וויפיל ליידן און צרות ער האָט דורכגעטראָגן ביז ער האָט דערלעבט צו זען אפילו דעם ערשטן באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, צרות, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט, נאָר אָנגענומען אַן אַנדער געשטאַלט אויך ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם צווייטן באַנד „לעקסיקאָן״.

אונדז איז אויסגעקומען צו זיין גאָר נאָענט ביי דער אַרבעט. מיר זיינען געשטאַנען ביים געבורט פון „לעקסיקאָן״ און מיר האָבן געהערט די וויי־געשרייען און דאָס קרעכצן . . . און מיר האָבן דעריבער גוט באַאָבאַכטעט די אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייט פון דעם בעל

יובל, און ניט איינמאָל איז אונדז איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז ווען זלמן זילבערצווייג וואָלט געבוירן געוואָרן אַ סך פריער, און וואָלט, אַ שטייגער, געקומען קיין אַמעריקע מיט 50 יאָר צוריק, וואָלט ער מיט זיין פילזייטיקער פעאיקייט, פאַרנומען איינע פון די אָנגע־זעענסטע שטעלן אין אונדזער יידישער גאַס. ער וואָלט געוואָרן אַן אַרבעטער־פירער, אַ רעדאַקטאָר, אַ טעאַטער־דירעקטאָר, און ווען ער וואָלט ניט געהאַט קיין קינסטלערישע אַמביציעס, וואָלט ער מיט זיין ענערגיע און אויסדויער געוואָרן אַ רייכער ביזנעסמאַן.

זילבערצווייג איז אָבער געקומען קיין אַמעריקע ווען מען האָט שוין געפילט אין דער לופטן די ירידה פונם יידישן טעאַטער, און ווען ער האָט פאַרגעשלאָגן פלענער וועגן אַ „לעקסיקאָן" צו די פירער פון דער אַקטיאָרן יוניאָן ראובן גוסקין, דזשין גרינפעלד און דער עקזעקוטיוו קאָמיטע, וואָס איז באַשטאַנען פון וויכטיקע שוישפּילער און טעאַטער־טוער, האָבן זיי שטילערהייט גערעדט צווישן זיך וועגן זלמן זילבערצווייגן ווי וועגן אַ בעל חלום, אַ משוגענער, וואָס וויל דורכפירן אַ זאַך, וואָס איז פשוט ניט מעגלעך. נאָענטע פריינט פון זלמן זילבערצווייגן האָבן פּרובירט אים באַווייזן, אַז באַקאַנטע טעאַטראַלן און שריפטשטעלער האָבן שוין פאַר אים געהאַט געמאַכט ענלעכע פּאַרזוכן אַרויסצוגעבן אַ „טעאַטער לעקסיקאָן" און זיינען דורכגעפאַלן.

אַלע טענות, אפילו אַלע קריטיקן האָבן אונדזער היינטיקן בעל יובל ניט אָנגעשראָקן און ניט אַנטמוטיקט. ער איז מיט יעדן טאָג פון זיינע ליידן געוואָרן אַלץ מער און מער פאַר׳עקשנ׳ט און ניט אָפּגעטראָטן פון זיין פּלאַן, וואָס איז ביי אים געוואָרן ממש אַן אידעע. די צרות און ליידן האָבן זילבערצווייגן אַלץ מער קריסטאַליזירט זיינע פּלענער און גלייכצייטיק געשטאַרקט זיינע הענט.

איצט ווען זילבערצווייג זיצט ביי אַ מאַהאַגאַני שרייב־טיש אַלס רעדאַקטאָר פון דעם „אידישען אַמעריקאַנער" און פירט אָן קאָנפע־רענצן מיטן אַרויסגעבער פונם וואָכנבלאַט מר. לואיס גערסאָן וועגן דעם ליטעראַרישן אינהאַלט פון דעם וואָכנבלאַט, איז זיך שווער פאַרצושטעלן, אַז דאָס איז דערזעלביקער „פליענדער האָלענדער", דער ברויזנדער און ענטוזיאַסטישער פאַרליבטער אין טעאַטער. אָבער דאָס איז נאָר אויסערלעך, באמת איז זילבערצווייג פאַרבליבן דער איבערגעבענער דינער פון יידישן טעאַטער. צו זיין שרייב־טיש ציען

זיך ניט נאָר פּעדים פון וועלט־נייעס, נאָר ער קריגט ידיעות וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אין די יידישע טעאַטערס און אַרום די יידישע טעאַ־טערס איבער גאָר דער וועלט. אַט דער שרייב־טיש אין דער רעדאַק־ציע פון „אַמעריקאַנער" איז ווי אַ „קלירינג ביוראָ" פון אַלץ, וואָס קומט פאָר אין אונדזער יידיש קולטורעלן לעבן.

זוכט זילבערצווייג ביזנעס? זוכט ער פּאָפּולאַריטעט? דאָס זיינען פראַגן און ספּעקולאַציעס, וואָס יעדער טייטשט אויס אויף זיין אופן.

מיר גלויבן, אַז זילבערצווייג אַרבעט אין דער ריכטונג און אויף דעם געביט, ווייל ער איז דורכגעדרונגען מיט דער אַרבעט און לעבט זיך אויס אין איר.

מיר ווייסן, אַז זילבערצווייג באַלאַנגט צו דער גרופּע פון אונדזע־רע פּיאָניערן טעאַטראַלן. ער שפּרינגט מיט עלאַסטישער לייכטקייט איבער די טיפסטע אָפּגרונטן און באַמערקט ניט אַפּט די חסרונות און שוואַכקייטן פון די העלדן פון זיינע טעמען. ער שפּינט זיין אַרבעט אַרום דעם יידישן טעאַטער און טראַכט ניט וועגן די רעזולטאַטן אַזוי לאַנג ביז ער דערגרייכט זיין ציל. ער ווייסט, אַז דאָס יידישע טעאַטער פון היינט איז אַ וועלט מיט רייד אָן געדאַנקען, און ער זוכט אויסצופוצן דאָס טעאַטער און אָנטאָן אַ שטריימל די „כהנים" פון טעאַטער. ער דערמאָנט אָן י. ל. פּרץ'ס „שטריימל־מאַכער", טראַצדעם וואָס ער ווייסט, אַז דאָס יידישע טעאַטער גייט באַרג אַראָפּ שטעלט ער אונטער זיינע ברייטע פּלייצעס און פּרובירט צוריק צו שטופּן דעם בנין צו דער באַשטימטער הויך פון אַן אמת'ער יידישער קולטורעלער אינסטיטוציע.

קיינמאָל אין לעבן וועלן מיר ניט פאַרגעסן דעם יום־טוב פון די אייניקע חדשים ווען איר, ליבער זלמן זילבערצווייג, זיינט געווען אונדזער גאַסט אין בוענאָס איירעס. ביי אייער שמחה זיינען מיר מיט דער נשמה ביי אייך.

ראָזע און בנימין לאַקס

בוענאָס איירעס

דר. מאיר גייער

אַ שטאַרקער רצון — עקשנות׳דיק

אַ ביטל זכרונות (געווידמעט דעם חתן היובל)

אין אַ שיינעם זומערדיקן נאָכמיטאָג, זיצנדיק אין קאַפע „ווארשאַווא״ אין לעמ־בערג, האָט מיר מיין חבר און חדר־קאָלעגע יודל גוטמאַן מודיע געווען, אַז ס׳ווילט ביי אונדז אַ יונגערמאַן זילבערצוויג פון אַמע־ריקע, וואָס גיט אַרויס אַ יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן — און אַז מ׳גרייט צו פאַר אים אַן אָוונט אין יידישן טעאַטער און — אַז איך מוז — אַזוי איז געווען דער נוסח, מיט וועלכן מ׳האָט ביי אונדז גערעדט צו אַ ציוניסטישן עסקן — איינלייטן דעם אָוונט מיט עטלעכע ווערטער.

אין פרינציפּ בין איך מסכים געווען. אָבער איך האָב נישט געוואוסט ביז צום אייגנטלעכן אָוונט, ווי אַזוי דער גאַסט שטעלט זיך פאַר דעם גאַנצן ענין, ווייל איך האָב ערשט עטלעכע מינוט פאַר דער התחלה פונם אָוונט געהאַט די געלעגנהייט זיך פערזענלעך מיט אים צו באַקענען, און דער גאַסט האָט מיר גיך אויף זיין לשון דערקלערט, אַז ער האָט בדעה צו געבן אַן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון דער בינע פון אָנהויב ביז צום געגעבענעם מאָמענט .

אונטער די קוליסן האָב איך געזען מיט וואָס זילבערצוויג הויבט אָן דעם אָוונט. דאָרט האָט זיך פרימיטיוו כאַראַקטעריזירט איינער פון די שרידים פון די אַזוי־גערופענע בראָדער פאַלקסזינגערס. — דער פּלאַן איז מיר שטאַרק געפעלן און איך בין געוואָרן אַ פריינט פון דער אידעע און דעריבער אויך מיט זילבערצווייגן.

פאַר מיר האָט באַגריסט דעם עולם איינער פון די יידישע שרייבער. איך דערמאָן זיך, אַז ער האָט זיך אַריינגערעדט אין אַזאַ מין התלהבות, ריידנדיק פון גאָלדפאַדען, אַז ער האָט אים פאַרגלייכט מיט געטהען. דער עולם האָט עס אָנגענומען . . .

זלמן זילבערצווייגס יובל־בוך

איך האָב זיך אין מיין שמועס באַשרענקט נאָר אויף דער יידישער בינע, און געוויינלעך אַ ביסל ברייטער אַרומגערעדט וועגן גאָלדפאַדען, אַזוי, אַז איך האָב איבערגעבאַפּט מיין צייט־טערמין מיט שטאַרקע פינף מינוט און האָב דערפאַר איינגעכאַפּט אַ סוף פון פריינט זילבערצווייג, וואָס האָט פון איין זייט גע'טענה'ט, אַז ס'וועלן אים פעלן די פאָר מינוט, אָבער תוך כדי דבור האָט ער מיך מפיים געווען מיט דער באַמערקונג, אַז איך האָב געגעבן אינטערעסאַנטע ידיעות.

איך בין אָבער פון דער ערשטער רגע אַן געווען ביי דער זאַך גופא און האָב געווינטשט דעם גוטיטשקן און פאַרט זייער ענערגישן גאַסט, וואָס איז געווען אי דער רעזשיסאָר, אי דער רעדאַקטאָר און קאָנפערענסיע, דעם בעסטן דערפאָלג. וואָס נענטער איך האָב זיך מיט אים באַקענט, אַלץ מער האָב איך אים געאַכט און לסוף האָב איך אים אפילו ליב באַקומען. ער האָט מיר אימפּאָנירט מיט זיין שטאַרקן רצון, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן האַרט אָן עקשנות.

נאָך יעדן פּראָגראַם־נומער האָט ער זיך באַוויזן אויף דער בינע און אין געציילטע ווערטער, אָבער פול תוכן, האָט ער דעם פּובליקום געוויזן, ווי אין אַ שפּיגל, יעדן שריט, וואָס די יידישע בינע האָט געמאַכט. די שוישפּילער האָבן געגעבן בילדער פון יעדער שטופע. אַט האָט דער אָרקעסטער געשפּילט די אָוועטור פון „בר־כוכבא" און באַלד האָט מען פאָרגעשטעלט די בעסטע סצענעס פון „שולמית" און אַזוי איז מען אַריבער איבער „מישקע מיט מאַשקע"־סצענעס צו יעקב גאָרדין און אַזוי ווייטער, און כדי דאָס פּובליקום זאָל קאָנען מיטגיין, האָט דער גאַסט מיט זיינע קלאָרע ווערטער באַלויכטן די סיטואַציע, און ווי אַ גוטער לערער האָט ער אַרויסגעהויבן די פּונקטן, וואָס האָבן געהאַט אַ באַשטימטן באַטייט פאַרן עניין.

דער אָוונט האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער דער עולם האָט זיך כסדר מיט אינטערעס צוגעהערט צו אַלעמען. די קינסטלער האָבן זיך באמת באַמיט צו געבן זייער בעסטעס, ווייל אויך זיי האָבן ליב באַקומען דעם חשוב'ן גאַסט, וואָס האָט באַהאַנדלט זייער טעאַטער ווי אַן אָפּגעציטערט, איין און איינציק קינד. און ער האָט נישט גלאַט גערעדט, נאָר רעפערירט; נישט נאָר געגעבן אַ געלונגענע פאָטאָגראַפיע פונעם יידישן טעאַטער באותו מעמד, נאָר אויך

זייער באַלערנדיקע ווינקען, ווי אַזוי מיטצוהעלפן ביי דעם ווייטערן אַנטוויקלען פון דער יידישער קונסט.

און אויך דער עולם האָט ליב באַקומען דעם טייערן גאַסט, אַזוי אַז ביי די ווייטערע סצענעס האָט מען אים שוין געמאַכט גרויסע, האַרצעדיקע אָוואַציעס — דער לעמבערגער עולם קאָן דאָס — און צום שלום האָט מען אים באַגלייט מיט ברכות, אַז ער זאָל מצליח זיין אין זיין עקשנות'דיקן וועג.

איך שטרייך אונטער „עקשנות'דיק", ווייל צווישן די ווערטער פונם גאַסט האָט זיך אַרויסגעהערט אַ מין דעקלאַראַציע, וואָס האָט געקלונגען, כמעט געשריגן: „איך בין דאָ, ביי אייך, כדי צו בעטן אייער הילף פאַר מיין ווערק, אָבער זייט ווייסן, אַז אויב איר וועט אַפילו נישט העלפן, וועט מיין ווערק פאָרט אויסגעפירט ווערן, ווייל איך בין אָנ־געזאָפּלט מיט אַ שטאַרקן, עקשנות'דיקן רצון, וואָס וויל נישט און טאָר נישט זען קיין מכשולים, שוועריקייטן וכדומה. דאָס קאָן העכסטנס נאָר אָפּשלעפּן אָבער נישט אָפּהאַלטן אָדער גאָר חלילה צונישט מאַכן די אויספירונג פון מיין פּלאַן."

נישט אומזיסט ווערט דאָס לעבן בכלל און דאָס יידישע לעבן בפרט אָנגערופן אַ „גלגל החוזר בעולם". אויב מען וויל ערנסט צו־גרייטן פאַר דער צוקונפט, מוז מען זיך קודם כל אויסאַרבעטן אַ ריכ־טיקע אויפפאַסונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, און פאַרקערט.

„איך ברענג אייך אַ בילד פון דער פאַרגאַנגענהייט און איר דאַרפט נאָר וועלן עס ריכטיק זען און פאַרשטיין, כדי איר זאָלט באַקומען דאָס ריכטיקע פאַרטרויען צו מיר און צו מיין ווערק, וואָס איך גרייט צו פאַר אייך, פאַר מאָרגן, ד. ה. פאַר דער צוקונפט. איז עס ווי דער נביא זאָגט: „לכו נא ונוכחה" . . . אויב איר ווילט מיר מיטהעלפן צו פאַרענדיקן מיין ווערק, וואָס זאָל לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און יידישער קונסט מיט יידישע קינסט־לער און דראַמאַטורגן, וועט איר באַוויזן אייער באַשלוס צו העלפן פאַרבינדן דעם יידישן עבר מיטן יידישן עתיד, אָדער ריכטיקער צו העלפן, אַז דער עתיד זאָל זיין יידיש . . . וועט איר נישט מיטהעלפן, וועט איר נאָר וויזן, אַז אייך פעלט דאָס פאַרשטענדניש פאַר דער יידישער פאַרגאַנגענהייט . . . אָבער איר וועט באַין אופן דורכדעם נישט אוממעגלעך מאַכן מיין ווירקן פאַר אַ יידישער צוקונפט. איך,

כשאני לעצמי, בין איבערצייגט, אז איך גיי דעם ריכטיקן וועג, אויף וועלכן ווי געזאגט — מכשולים קאָנען מיך נאָר אויפהאַלטן, אָבער נישט פון אים אָפּהאַלטן . . .״

און די צייט האָט דעם גאַסט רעכט געגעבן. מ׳האָט אויפן אָרט נישט געקאָנט זאָגן, אַז דער עולם איז נישט מיט אים. דער פּועל יוצא פונם אָוונט איז געווען זייער פּאָזיטיוו. אַ לאַנגע צייט האָט מען נאָך אַלץ גערעדט פונם אָוונט און דעם ליבן, סימפּאַטישן גאַסט און מ׳האָט באַשטימט דעם יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן פאַר אַ פּרייז פאַר פּליי־סיקע טעאַטער־באַזוכער. ווער ס׳האָט זוכה געווען צו באַקומען דעם פּרייז, האָט זיך מיט אים שטאַרק געפרייט און אים זייער טייער געהאַלטן.

אויב די צייט האָט זיך דאָרט נישט שטאַרק געענדערט, איז דער לעקסיקאָן נאָך פאַראַן אין אַ סך יידישע הייזער און ווערט גערן באַ־נוצט ווי פריער.

•

איך קען זילבערצווייגן אַזוי לאַנג און ווייס וועגן זיינע דערגריי־כונגען אַזוי פיל, אַז עס וואָלט אפשר פאַרנומען דעם גאַנצן בוך ווען איך זאָל וועלן וועגן דעם אַלעמען שרייבן. זילבערצווייג איז אַ זייער פאַרבנרייכע פיגור, אָבער זיינע גרעסטע פאַרדינסטן ליגן אין זיין אַרבעט פאַרן יידישן טעאַטער. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז צו פאַר־דאַנקען זילבערצווייגן, וואָס אַזוי פיל יידן ווייסן און אינטערעסירן זיך מיטן יידישן טעאַטער. זילבערצווייג איז געוואָרן אַ מין פערזאָניפי־צירונג פון דעם יידישן טעאַטער. ער איז זיין גייסט און זיין נשמה.

יעדעס מאָל ווען מען דערמאָנט זילבערצווייגס נאָמען, טראַכט מען וועגן יידישן טעאַטער. זאָל מען דעריבער נאָך לאַנג, לאַנג ריידן וועגן זילבערצווייגן און פּראַווען אים יובילייאומס, ווייל אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן דאָס טאָן, וועלן מיר ווייניקסטנס זיין זיכער, אַז עס לעבט און געדייעט דאָס יידישע טעאַטער אין בעסטן זין פון וואָרט.

י. פּאַרסקי

ד״ר. מ. סודאַרסקי

זלמן זילבערצווייג אין ליטע

ווען מען וויל דערקענען אַ מענטשן, זאָגט אַ ווערטל, זאָל מען פאָרן אין זיין לאַנד, צו אים אַהיים, הייסט עס. דאָרט זעט מען אים אַמ׳בולט׳סטן אין זיינע אַלע פאַרבן, שאַטירונגען; דאָרט שיילט ער זיך אַמ־קלאָרסטן אַרויס פון זיין סביבה מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן, מיט זיינע מעלות און חסרונות.

בנוגע זילבערצווייגן האָט פאַסירט דאָס אומגעקערטע — אים האָב איך דערקענט אַמבעסטן ווען ער איז געקומען צו אונדז קיין ליטע, ד. ה. צו מיר אַ היים. און וועגן אייניקע עפּיזאָדן פון זיין פאַרברענגען מיט אונדז אין ליטע־לאַנד זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערציילן דאָ לכבוד זיין שמחה, ווען ער האָט שוין אַריבערגעשפּרייזט שלושים לדעה פון זיין ליטעראַרישן שאַפן.

* * *

פון די יידישע צייטונגען אין ריגע האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז זלמן זילבערצווייג, דער רעדאַקטאָר פון טעאַטער־לעקסיקאָן, געפינט זיך שוין אין לעטלאַנד און באַלד דאַרף ער אָנקומען קיין ליטע. נאָר ווען און ווי אַזוי וועט ער קומען — האָט מען ניט געוואוסט. ער האָט געהאַט אַ פּוילישן פּאַס, און מיט פּוילן זיינען די ליטווינער געווען שטאַרק צעקריגט. פאַר אַ פּוילישן בירגער זיך אַריינצוכאַפּן דאַן קיין ליטע איז געווען כקריעת ים־סוף. נאָר פאַר זילבערצווייגן כידוע, זיינען אַלע וועגן אָפן, און אַ דאַנק זיין לעקסיקאָן זיינען אַלע גרענעצן פאַר אים געווען אָפּגעווישט. פראַנק און פריי האָט ער אויך אַריבערגעשפּרייזט דעם פּויליש־ליטווישן גרענעץ.

אין אַ מיטן מיטוואָך, אָן אומרואיקייט און שושקעריי אין יידישן טעאַטער פון קאָוונער „פאָלקסהויז״ — זלמן זילבערצווייג איז דאָ. כ׳גיי אַרויס אין פאָיע. מ׳באַקענט מיך מיט אים.

— נאָר וואָס געקומען פון דער באַן, — זאָגט ער אַרויס בנשימה אחת — און, ווי מיין שטייגער איז תמיד, קום איך גלייך פון דער באַן אין טעאַטער אַריין — דאָס איז מיין היים. דער לעקסיקאָן פירט מיך גלייך צו די אַקטיאָרן. זיי זיינען מיינע קינדער, אמת, אַ שווער געזינטל אפילו, נאָר איך האָב זיי ליב און פיל זיך גוט צווישן זיי.

אָט דאָס איז געווען דער ערשטער ברוך־הבא ביי מיין באַגעגעניש מיט זילבערצווייגן. פון דאַן אָן איז זילבערצווייג געוואָרן אַ נאָענטער פריינט אויך צו מיר, אַן אָפטער גאַסט, אַ יוצא ובא אין מיין קאָוונער היים צו יעדער צייט און ביי יעדער געלעגנהייט.

און מערקווירדיק — דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף מיר ביי מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים, איז פאַרבליבן אויף עד היום. שטענדיק אַ צופרידענער, אַ שמייכלענדיקער, ווען עס איז אפילו גאָרנישט ניטאָ פון וואָס צו זיין אַזוי צופרידן און פריילעך, פול מיט אימפעט, מוט און ענערגיע פאַר ווייטערדיקן שאַפן און טאָן. יעדע שווערע סיטואַציע אין זיין שטענדיקן וואַנדער־לעבן פטר׳ט ער אויך אָפּ מיט אַ וויץ און . . . שוין!

ער איז שוין ווידער פול מיט בטחון, זיין פנים שטראַלט שוין ווידער מיט האָפנונג און פרייד פאַר ווייטערדיקער אַרבעט איבער זיין לעקסיקאָן, זיין שווער און ביטער אויסגעהאָדעוועט קינד, אַרום וועלכן ביי נאָרמאַלע אומשטענדן האָבן זיך געדאַרפט מטפל זיין אַ גאַנצע מחנה באַבקעס און מאַמקעס. אָבער זילבערצווייג האָט כמעט אַליין, ממש מיט אַן איבערמענטשלעכער מסירת נפש, דורכגעטראָגן זיין לעקסיקאָן דורך אַלע „פייערן" און ניט געלאָזט אויף אים אַ שפּרענקעלע פאַלן.

מיט וואָס דערקלערט זיך עס אָט די אומדערמידלעכע ענערגיע, וואָס זילבערצווייג האָט אַרויסגעוויזן ביים שאַפן דעם טעאַטער־לעקסיקאָן, פאַרנאַכלעסנדיק זיינע אייגענע אינטערעסן און היים? וואו ליגט די טרייבקראַפט, וואָס האָט אים באַוואויגן דורכצושפּרייזן כמעט גאַנץ ליטע, אין שניי און קעלט, ניט בלייבן פאַר׳יאוש׳ט נאָך אַ מיסערפאָלג, נאָר, אומגעקערט, אַ פריילעכער מיט אַ גוטמוטיקן הומאָר פלעגט ער דערציילן פיינע געשיכטעלעך פון דער ליבער פּראָווינץ און ווייטער נעמען וואָגלען איבער די קליינע ליטווישע שטעטלעך, פרירענדיק בייַנאַכט און באַגייסטערנדיק זיך ביי טאָג פאַר דער ממש הייליקער פאַר אים אַרבעט.

און טראַכטנדיק אַזוי, האָט זיך ניט ווילנדיק אין אַן אַרטיקל וועגן זילבערצווייגן אין קאָונער „פאָלקסבלאַט" אַרויסגעריסן ביי מיר דאָס וואָרט „זילבערצוויג, אַ מערקווירדיקער מענטש", אַזוי ווי איך וואָלט דערמיט געוואָלט דעפינירן דאָס אומדעפינירבאַרע אין זילבערצווייגן.

און אויך נאָך דאָ אין אַמעריקע דערשיינט ער אָפט פאַר מיר אַ „מערקווירדיקער", כאָטש ער האָט זיך שוין אַביסל אַמעריקאַניזירט און ווערט „מיט לייטן גלייך", אָבער ער איז נאָך אַלץ דער לעבנס־לוסטיקער, פריילעכער, אימפעטפולער זילבערצוויג, מיט אַ מינע פון צופרידנקייט אויפן פנים, ווען עס נאָגט ביים האַרצן אַמאָל פון אייגענע פיין און לייד, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווען דער געלעכטער און וויץ זיינען מיט „יאַשטשערקעס".

די זעלביקע כאַראַקטעריסטיק קאָן מען אַרויסלייענען פון זיל־בערצווייגס אַן עפּיזאָד, וועגן וועלכן ער דערציילט אַליין אין זיין נאָר־וואָס דערשינענעם בוך אין בילדל „שיער ניט אַ קרבן פון יידישן טעאַטער אין לובלין."

אַ שטראַלנדיקער פון פרייד און נחת נאָך אַ גרויסן דערפאָלג דערשיינט ער אויף דער בינע פון לובלינער טעאַטער און אַזוי ווי ער שטייט, לאָזט זיך אַראָפּ האַסטיק דער לייוועטענער פאַרהאַנג מיט אַ דיק ברעט פון הינטן גלייך אויף זילבערצווייגן, וואַרפט אַראָפּ זיינע ברילן און צעקלאַפּט אים שרעקלעך זיין פנים, אַזוי אַז ער פאַלט אַזש אין חלשות פון ווייטאָג. נאָר זילבערצוויג פאַרלירט זיך ניט, גיט זיך שנעל אַ שטעל אויף און גיט אַ קאָמאַנדע אַרויפצוציען דעם פאַרהאַנג. ער באַווייזט זיך פאַרן עולם ווידער אַ לאַכנדיקער, אַזוי ווי עס וואָלט מיט אים גאָרנישט ניט פּאַסירט, כאָטש ער האָט זיך געקאָרטשעט אין ווייטאָג.

דאָס זעלביקע איז פאַרגעקומען מיט אים אויפן באַנקעט נאָך דער פאָרשטעלונג: די אַקטריסע ליפּאָווסקאַ האָט אים געלייגט אייז צום פנים און ער האָט זיך בעת־מעשה געוויצלט, כדי אויפצוהאַלטן די שטימונג און אונטערדריקן די יסורים . . .

* * *

מיר איז באַקאַנט אָבער אויך אַן אַנדערער זילבערצוויג, וואָס איז לחלוטין ניט ענלעך צו דעם אָקאָרשט געשילדערטן. איך האָב אים געזען אין מאָמענטן, ווען עס טוט זיך מיט אייגמאָל אָפּ פון אים

דער לייכטער שמייכל, ווען עס פאַרציען זיך ביי אים די ליפּן אין אַ שטרענגער ליניע, וואָס דריקן אויס ערנסטקייט, גראַדליניקייט פון כאַראַקטער, עקשנות, אמת ליטוואַקישע עקשנות.

ס'פאַרשווינדט דאַן די גוט באַקאַנטע זילבערצווייגישע ווייכקייט, ס'פעלט אויס דאַן דער שטענדיק אים באַגלייטנדיקער וויץ. ער ווערט אַנגעצונדן ווי אַ העליש פייער, ווערט האַרט ווי אַ קיזלשטיין, פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער זיינע אייגענע מאַטעריעלע אינטער־רעסן, וועלכע קומען אַרויס געשעדיקט פון זיין בליצאַרטיקן צוזאַמענ־שטויס מיט אַנדערע.

אַזאַ דערשיינט ער, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פעסטשטעלן אַן אמת אין זיין געזעלשאַפטלעכער אָדער ליטעראַרישער טעטיקייט, ווען עס ווערט באַגאַנגען אַן עטישער פעלער אָדער אַן עולה לגבי אַ חבר, וואָס איז אים נאָנט און ליב.

אין אַזאַ שיין האָב איך אים אויך געזען בעת זיין באַזוך אין ליטע, און ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען עס פאַר דער קומענדיקער געשיכטע, ווייל דער קאָנפליקט, אין וועלכן זילבערצווייג איז געווען אומשולדיקערהייט אריינגעצויגן און האָט אין אים געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע, האָט שיער ניט געבראַכט צו אַ צעשפּאַלטונג פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין קאָוונע.

זילבערצווייג איז געקומען קיין ליטע גראָד אין אַ צייט, ווען אויף דער יידישער גאַס פון קאָוונע האָט זיך ממש געקאָכט מיטן יידישן טעאַטער. צוויי טרופּעס, און גראָד גוטע, האָבן דאַן גע־שפּילט אין צוויי באַזונדערע טעאַטער־זאַלן. איינער, אַן ערנסטער, מיט זיגמונד טורקאָוו און דינה האַלפּערן בראַש, דער אַנדערער, אַן אָפּערעטע־און וואָדעוויל־טעאַטער מיט נחום קרעסין און היימי דזשיי־קאָבסאָן אין דער שפּיץ.ביידע טעאַטערס זיינען געווען פול געפּאַקט מיט באַגייסטערטע באַזוכער, און דאָך האָט זיך געפירט אַ האַרטער קאַמף פאַר דער בכורה.

*   *   *

פון יאָרן לאַנג שוין האָט די יידישע ליטווישע אינטעליגענץ (און אַזאַ האָבן מיר געהאַט אַ היבשע אין ליטע!) געפירט אַ שטרייט פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער. ס'זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו שאַפן אַן אייגענעם קינסטלערישן טעאַטער דורך אַ סטודיע, ביי דער גרינדונג פון וועלכער דר. מוקדוני איז נאָך בשעתו געווען

און מיטגעווירקט, נאָר עס האָט זיך דאָן נ־ט איינגעגעבן. עס האָט פאַרדראָסן די אַלט־פּרענקישע איינשטעלונג און באַציאונג צום יידישן טעאַטער, וואָס פלעגט באַטראַכט ווערן פון אַ סך פון פאָלק ווי עפּעס אַ מין אונטערגעוואָרפן קינד און מ'פלעגט מוותר זיין אויפן גרויסן באַדייט, וואָס אַ טעאַטער דאַרף האָבן אין אונדזער קולטורעלן לעבן.

אמת, ס'פלעגן קומען קיין ליטע גאַנץ באַדייטנדיקע אָנערקענטע גאַסטראָליאָרן, ס'רוב פון אָפּערעטישן שניט, וועלכע פלעגן אויפפירן די אַלט־באַקאַנטע מאַכערייקעס, אויף שנעל צונויפגעשטוקעוועטע און אָפּגעשפּילטע. האָט זיך געבענקט נאָך אַ בעסערן, מער קינסטלערישן יידישן טעאַטער, וועלכער זאָל באַפרידיקן די געשטעלטע אים העכערע פאָדערונגען און זאָל אויפפירן פּיעסעס מיט אַ גרעסערן קינסטלערישן ווערט און אַ העכערן אידייאישן צוגאַנג.

די יידישע אינטעליגענץ האָט אין טורקאָווס טעאַטער געפונען אַ באַפרידיקונג, געזען די אויסגעבענקטע באַנייאונג און געגעבן אים איר ברכה.

אָבער אויך מרים קרעסין מיט איר חנ'עוודיקן שפּילן, ליבן שמייכל, פיין קלינגענדיקער שטימע און אויסערער עלעגאַנץ און היימי דזשייקאָבסאָן מיט זיין וויץ און הומאָר און פיינעם שפּילן און עלע־גאַנטן טאַנצן האָבן באַגייסטערט דעם עולם און אים געצויגן אין טעאַטער.

עס איז געווען אַ שפע פון טעאַטער־קונסט אויף דער יידישער גאַס, וואָס האָט אַלע שיכטן באַפרידיקט, און, דוכט זיך, אַז דער קאַמף פאַר אַן ערנסטן טעאַטער וואָלט זיך אויף אַזאַ אומשולדיקן אופן ליקווידירט, ווען עס מאַכט זיך ניט די געשיכטע זילבערצווייג.

זילבערצווייג איז געקומען מיטן געדאַנק דורכצופירן אַ גאָלד־פאַדען־פעסטיוואַל לטובת דעם „טעאַטער לעקסיקאָן", אין וועלכן, כידוע, ס'זיינען פאַראינטערעסירט אַלע אַקטיאָרן, אומאָפּהענגיק פון דעם זשאַנר, וועלכן זיי שפּילן. זילבערצווייג האָט זיך געווענדט צו ביידע טעאַטערס, אַז זיי זאָלן געמיינזאַם דורכפירן דעם גאָלדפאַדען־פעסטיוואַל, ווי עס פּאַסט פאַרן פאָטער פון יידישן טעאַטער. ביידע האָבן איינגעוויליקט און אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון אָוונט. זילבער־צווייג האָט מיט זיין געוויינלעכן אימפּעט זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָפּגעזעצט אַן אַפיש, באַשטעלט נאָטיצן אין די צייטונגען און אַלץ האָט געזאָלט גיין לויט דעם אָנגעמערקטן פּלאַן. נאָר אַ ווי . . .

אויף די אַפישן זיינען געווען אויסגעשטעלט די נעמען פון די אָנטייל־נעמער לויטן אלף־בית, און עס איז אויסגעקומען, אַז דזשייקאָבסאָן איז געשטאַנען אין דער ליסט העכער ווי טורקאָוו. אַזאַ מין „לעסטע־רונג" האָט אַריינגעבראַכט טורקאָוון אין גרימצאָרן. ער האָט אין דעם דערזען אַ פחיתת הכבוד פאַר זיך און פאַר זיין טעאַטער, וואָס האָט געזאָלט האָבן די בכורה. אויך זיינע „גוטע" פערזענלעכע פריינט האָבן אין דעם דערשפירט אַ „דעגראַדאַציע" פון בעסערן טעאַטער:

—„ס'טייטש, ס'קומט דאָך אויס, אַז דער אָנפירער פון דער אָפּערעטע שטייט אויבנאָן און דער לייטער פון קינסטלערישן ערנסטן טעאַטער געפינט זיך פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ ווינקל!"

זילבערצווייגס טענות, אַז אַזוי פירט זיך אומעטום, אפילו אין ניו־יאָרק, און מאָריס שוואַרץ, דער רעזשיסאָר און דירעקטאָר פון קונסט־טעאַטער, שטעלט זיך אַליין אַריין אין דער שורה לויטן א"ב פון אַלע אַקטיאָרן; אויך די אינטערווענץ מצד געזעלשאַפטלעכע טוער האָט ניט געהאָלפן — טורקאָוו איז געבליבן איינגעשפּאַרט. כדי צו פאַרבאָרגן שפּעטער דעם בולט'ן פעלער, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער גע'טענה'ט, אַז גאָלדפאַדען איז אָן אָפּערעטע־שרייבער און מרים קרעסין און דזשייקאָבסאָן זיינען אָפּערעטע־אַקטיאָרן און ער וויל ניט שפּילן מיט אָפּערעטע־לייט.

האָט זילבערצווייג געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז עס זאָלן אין איין אָוונט פאָרקומען צוויי באַזונדערע גאָלדפאַדען־פייערונגען אין ביידע יידישע טעאַטערס מיט איין גרויס פּראָגראַם, וואָס זאָל אַזוי אויסגע־שטעלט ווערן, אַז ס'זאָל קאָנען דורכגעפירט ווערן אין ביידע טעאַטערס, נאָר די אַקטיאָרן, וואָס וועלן דורכפירן זייער טייל אין איין טעאַטער, וועלן שפּעטער דאַרפן אַריבערגיין אין צווייטן טעאַטער.

זילבערצווייגס פאָרשלאַג איז דורך דזשייקאָבסאָן באַלד אָנגענו־מען געוואָרן, אָבער טורקאָוו, וועלכער האָט לכתחילה אויך מסכים געווען, האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן מיט פאַרשידענע דריידלעך. אַלע באַמיאונגען פון מיין פּרוי צו קריגן טורקאָווס הסכמה, האָבן זיך ניט איינגעגעבן. דינה האַלפּערן האָט רעוואָלטירט און זי איז געקומען זיך באַטייליקן אין דער איינציקער גאָלדפאַדען־פייערונג, וועלכע זילבער־צווייג האָט איינגעאָרדנט און אויף אַ גלענצנדיקן אופן דורכגעפירט מיט דזשייקאָבסאָנס טרופּע אַליין.

אַזאַ „שרעקלעכע״ האַנדלונג מצד זילבערצווייגן האָט נאָך מער אויפגערעגט טורקאָוון און זיינע „איבערגעבענע״ פריינט, און דער ריס צווישן זיי און די געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן געהאַלטן מיט זילבערצווייגן, וועלכער האָט געקעמפט פאַר אַ פעסטגעשטעלטן אמת און קעגן דער עולה, וואָס טורקאָוו איז באַגאַנגען קעגן חברים און קעגן גאָלדפאַדענען, איז געוואָרן נאָך טיפער.

אַ צופרידענער און אַ טריאומפירנדיקער וואָס דער אמת האָט געזיגט, וואָס דורך זיין אייגנעשפאַרטקייט האָט ער אָפּגעווישט די עולה, וועלכע מ׳האָט געוואָלט באַגיין לגבי אַ חבר אַן אַקטיאָר און דעם פאָטער פון יידישן טעאַטער, איז זילבערצווייג אָפּגעפאָרן קיין פוילן אָפּצודרוקן דעם פאַרטיקן מאַטעריאַל פונם צווייטן באַנד „טעאַ־טער־לעקסיקאָן״.

* * *

אין אַ האַלב יאָר אַרום, נאָכן צווייטן מאָל פון זיין קומען קיין ליטע, און דאַסמאָל שוין מיטן פאַרטיקן צווייטן באַנד פון זיין „לעקסיקאָן״, איז זילבערצווייגן ווידער אויסגעקומען אָפּצושרייען אַן אַנדערע עולה, וואָס מ׳איז באַגאַנגען דאַסמאָל קעגן אים אַליין.

די פאַרביסענע קעגנער פון זילבערצווייגן און די טרייע פריינט פון ז. טורקאָוון האָבן איינצווישן אויסגעפונען אַ געוואַלדיקן פאַר־ברעכן, וואָס זילבערצווייג איז באַגאַנגען און וואָס האָט דערפירט צו אַ משפּט.

אין אַ פריוואַטן בריוו צו זיינעם אַ פריינט אין ניו־יאָרק, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״, האָט זילבערצווייג איבערגעגעבן איי־ניקע איינדרוקן וועגן זיין רייזע איבער ליטע און האָט צווישן אַנדערע עפּיזאָדן דערציילט אויך וועגן די צוויי טעאַטערס, וואָס האָבן בשעתו געשפּילט אין ליטע.

דער פריינט זיינער האָט אַרויסגענומען אַ טייל פון זיין בריוו און אים אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס״, ווי „אַ בריוו פון ליטע״.

אין דעם טייל פון בריוו שרייבט זילבערצווייג וועגן די צוויי טעאַטערס, אַז אין איינעם זיינען געשטאַנען בראש מרים קרעסין און היימי דזשייקאָבסאָן און אין צווייטן די באַגאַבטע אַקטריסע דינה האַלפּערן. דער נאָמען טורקאָוו, וואָס איז געווען דער לייטער פון דראַמאַטישן טעאַטער איז ניט געווען דערמאָנט, ווייל זילבערצווייג האָט אים אַ פּנים איגנאָרירט פאַר זיין איגנאָרירן גאָלדפאַדענען.

אָט די „פעלשונג", וואָס טורקאָווס פריינט האָבן אין דעם דערזען, האָט זיי געפירט צו דער מסקנה, אַז אויף אַלץ, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען ביז איצט אונטער דער פען פון זילבערצווייגס שאַפן, פאַלט אַ חשד פון צווייפל און פאַלשקייט.

אין דעם זין איז געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו אין אַלע יידישע קאָוונער צייטונגען מיט אַן אונטערשריפט „אַ גרופּע פריינט פון יידישן טעאַטער" (אָן חתימות).

קומענדיק דעם צווייטן מאָל קיין ליטע און דאָסמאָל מיט אַ פּעקל פון דעם נאָר וואָס דערשינענעם צווייטן באַנד „לעקסיקאָן", האָט זילבערצווייג אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט אַלע ענינים און קודם כל זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַמף מיט דער „גרופּע פריינט", וואָס האָט אַרויסגעזאָגט בפרהסיה אַזאַ חשד וועגן אים.

זיין ערשטע פאָדערונג איז געווען, אַז ס'זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן די חתימות פון די שרייבערס פון בריוו און, צווייטנס, אַ משפט, וואָס זאָל פאַנאַנדערקלייבן דעם ענין און פעסטשטעלן דעם אמת — צי ס'איז דאָ אַ גרונט פאַר דעם געוואָרפענעם חשד אָדער ניט.

דאָס געריכט איז פאָרגעקומען. זילבערצווייג האָט באַהויפּטעט, אַז דער בריוו איז געווען אַ שטרענג פּריוואַטער און איז געווען אָפּ־געדרוקט אין „פאָרווערטס" אָן זיין וויסן; אַז אינהאַלטלעך איז ער אַרויסגעקומען שטאַרק געקירצט, ווייל נאָר אַ טייל איז פון אים אַרויסגעשיילט געוואָרן; אַז ז. טורקאָוו איז (נאָך דעם גאַנצן קאָנפליקט מיט אים) באַהאַנדלט געוואָרן דורכאויס אָביעקטיוו אין דעם נאָר וואָס דערשינענעם באַנד לעקסיקאָן און זיינע פאַרדינסטן פאַר יידישן טעאַ־טער זיינען אין דער געהעריקער מאָס אָפּגעשאַצט געוואָרן. דאָס אַלץ האָט איבערצייגט דעם חברים־געריכט, אַז כאָטש אין דעם פאַל פון אָפּגעדרוקטן בריוו אין „פאָרווערטס" האָט זילבערצווייג איגנאָרירט טורקאָווס נאָמען אויס נקמה פאַר זיין פאַרשוועכן גאָלדפאַדענס אָנ־דענקונג, איז ער אָבער אין זיין אַלגעמיינער שריפטשטעלערישער טעטיקייט ערלעך און אויפריכטיק. דאָס חברים־געריכט האָט דער־ריבער אַרויסגעטראָגן אַ פסק־דין, אַז די שרייבער פון בריוו אין די קאָוונער צייטונגען האָבן ניט געהאַט קיין גרונט פאַר זייער אַרויס־געזאָגטן חשד אויף זילבערצווייגס שאַפן.

ווידער אַ צופרידענער, וואָס ער האָט אָפּגעשריען נאָך אַן עולה,

וועלכע מענטשן אָן אַ פּאַרוועך, אָן אַ פּאַרוואָס זיינען באַגאַנגען קעגן אים, און דערמיט אַראָפּגענומען דעם חשד, וואָס מ׳האָט אומזיסט און בכוונה געוואָלט וואַרפן אויף זיין ליבלינג — דעם טעאַטער־לעקסיקאָן — איז זילבערצווייג אַ גליקלעכער און שיינענדיקער פון פרייד אָפּגעפאָרן פון ליטע.

ס׳האָט אים שוין ווייניק געקימערט דאָס פּעקל ביכער, וועלכע ער האָט אגב גאַנץ גוט פאַרקויפט, אָבי דער „לעקסיקאָן״ איז ניט געבליבן באַפלעקט און ער און זיין ליטעראַריש שאַפן זיינען אַרויס ריין פון אַ ניט פאַרדינטער בייזער באַשולדיקונג . . .

●

ליבער און חשוב׳ער פריינט:

נעמט צו צווישן אַ סך באַגריסונגען פון פריינט און פאַרערער אויך מיינע בעסטע ברכות צו אייער 30 יאָריקן יובל פון זייען די בעסטע און שענסטע זאַמען אויף אונדזער דאָרנדיקן פעלד פון יידישער קולטור. שווער איז דער וועג פון אַ יידישן שרייבער און קולטור־טוער, שווער, זייער שווער. און אייער וועג, ליבער ז. זילבערצווייג, וועלכן מיר איז אויסגעקומען נאָכצופאָלגן אין לויף פון עטלעכע יאָר אין ליטע און לעטלאַנד, איז געווים ניט לייכט געווען, ווייל איר האָט ניט נאָר געשריבן, נאָר אויך גענוכט און געקליבן פּערל צו פּערל פון יידישער קונסט אויפן געביט פון יידישן טעאַטער, וואָס איז צעשאָטן אויפן גאַנצן ערד־קוגל. איר זייט דער, וועלכער האָט זיי אָנגעצויגן און פאַר־וואַנדלט אין אַ הערלעכן האַלדזבאַנד אויפן ביוסט פון דער יידישער קולטור, פאַרוואָס יעדערער וואָס פאַרשטייט די גרויסע באַדייטונג דערפון, קען אייך נאָר שעצן און ערן און ווינטשן אַ סך שאַפנדע כחות צו באַרייכערן אונדזער קולטור און פאַראייביקן די נעמען פון אונדזערע טאַלאַנטן.

פון מיין גאַנצן הארצן ווינטש איך אייך פאָרטצוזעצן אייער נוציקע אַרבעט מיט גרויס דערפאָלג און אויף אַ לייכטערן אופן ווי ביז איצט.

מיט אַכטונג און פריינטשאַפט,

אַלטע סודאַרסקי

שמואל ראָזשאַנסקי
(בוענאָס איירעס)

זלמן זילבערצווייג אין אַרגענטינע

די חדשים פונם יאָר 1936, ווען זלמן זילבערצווייג איז געווען אין אַרגענטינע אין שליחות פון יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן, זיינען געווען רייך אין טעאַטער־יום־טוב׳דיקייט.

דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט אין בוענאָס־איירעס שענקט אַלע מאָל אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער יידישער בינע, אירע טואונגען וכל שכן אירע אויפטוען. נישט איין מאָל באַקלאָגן זיך לייענער אין בוענאָס־איירעס, אַז די צייטונגען גיבן אָפּ צופיל פּלאַץ פאַרן טעאַטער. נאָר עס איז קיינמאָל נישט געשריבן און גערעדט געוואָרן אין בוענאָס־איירעס אַזוי פיל וועגן יידישן טעאַטער, ווי אין יענע חדשים פון זלמן זילבערצווייגס זיין צו גאַסט.

כ׳וויים נישט אויף ווי ווייט דער „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״ איז אין אַרגענטינע געוואָרן אין יענער צייט מער באַקאַנט אָדער פאַרשטאַנען אין זיין עצם־אויפגאַבע, פונקט ווי כ׳וויים נישט וואָס פאַר אַ פּראָצענט פון יידישע טעאַטער־באַזוכער באַגרייפט בכלל וואָס אַ לעקסיקאָן איז אָדער ד אַ ר ף זיין; נאָר עס איז אויסער יעדן ספק, אַז טעאַטער בכלל און יידיש טעאַטער בפרט איז אין יענער צייט געוואָרן — די טעמע פון טאָג.

— אַ גרויס בוך פון טעאַטער . . . — האָבן געוואוסט טויזנטער יידן — אַלע אַקטיאָרן זיינען דאָרטן פאַרשריבן . . .

פאַרשטייט זיך, אַז נאָר פון דער אינטעליגענץ קאָן מען פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל אָפּשאַצן עפּעס מער. איך זאָג „עפּעס מער״, דערפאַר ווייל מיט אונדזער אינטעליגענץ איז אַ צרה, וואָס דאָס יידישע טעאַטער רופט ביי איר אַלעמאָל אַרויס מער טענות ווי הנאה . . .

זלמן זילבערצווייג, קומענדיק קיין אַרגענטינע, האָט אָנגעטראָפן שוין אַן אויפגעהויבענע שטימונג פאַר טעאַטער, אַזאַ הויכע טעאַטער־

„טעמפעראַטור״, וואָס איז זעלטן צו זען. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז דער קבלת־פּנים פאַר זילבערצווייגן איז געמאַכט געוואָרן אין אַ שבת פאַרנאַכט, ווען דאָס שפּילן שבת פאַרנאַכט טעאַטער איז נאָך געווען אַ פרעמדע זאַך פאַרן עולם; דאָך זיינען גענוג געווען עטלעכע טעג בלויז צו אָרגאַניזירן דעם אַקט, און — דאָס טעאַטער איז געווען אויספאַרקויפט מיט אַ צייט פאַרן אָנהייבן דעם אַקט. טאַקע געווען אַ גרויס פּראָגראַם (אַלע שוישפּילער אויך די געסט און טעאַטער־קריטיקער), אָבער דער הויפּט־מאָטיוו פונם ריזיקן דערפאָלג איז געווען — די הייסע טעאַטער־שטימונג, וואָס זלמן זילבערצווייגס באַזוך האָט אַרויסגערופן.

דער רעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן״ איז געקומען מיט אַ פּלאַן אַרויס־צוגעבן דעם דריטן באַנד פון דעם ווערק אין בוענאָס־איירעס. דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין ניו־יאָרק, דער צווייטער באַנד אין וואַרשע — וואָלט געווען נישט מער ווי לאָגיש, אַז דער דריטער באַנד זאָל דערשיינען אין דעם דריטן גרויסן יידישן טעאַטער־צענטער, ווי דאָס איז בוענאָס־איירעס. וואָס שייך די מיטלען, וועלכע זיינען נייטיק פאַר דעם צוועק, זיינען זיי אין אַרגענטינע עקאָנאָמיזירט אין אַ גרויסער מאָס אין פּראָפּאָרציע מיט נאָרד־אַמעריקע. אָבער . . . דאָ זיינען אונטערגעקומען פאַרשידענע „אָבערס״ . . .

זלמן זילבערצווייג האָט ביי זיין אָנקומען אין בוענאָס־איירעס אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביי אַלעמען מיט זיין באַהאַוונטקייט אין די אַרגענטינער יידישע אָנגעלעגנהייטן. דער רעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן״ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט, זיצנדיק אין ניו־יאָרק, געלייענט נישט בלויז די נעמען פון די אַקטיאָרן, פּיעסעס און טעאַטער־רעצענזענטן, נאָר בכלל זיך אינטערעסירט מיט די בוענאָס־איירעסער בלעטער, אויף אַזוי ווייט, אַז ער איז געווען אינפאָרמירט אין פאַר־שידענע טיילן פון יידישן לעבן ביי די ברעגן פון לאַ פּלאַטאַ. מיט אַזאַ היימישקייט איז ער געקומען אין בוענאָס־איירעס. באַלד ביים פּאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט מענטשן, וועלכע ער האָט געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן, ווי מיט אַלטע באַקאַנטע. נאַטירלעך, אַז דאָ רעדט זיך פון פּאָפּולערע מענטשן. און אַזוי איז אויך געווען מיט פאַרשידענע פראַגן. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער געשאַצט די אינער־וויניקסטע שטימונגען און מעגלעכקייטן פון בוענאָס־איירעס לויט „זיין״ ניו־יאָרק . . . און דאָס איז געווען, לײדער, אַ גרויסער טעות.

זלמן זילבערצווייג׳ס יובל־בוך

זלמן זילבערצווייג האָט, למשל, אַ מיינונג, אַז אין נאָרד־אַמעריקע האָט מען ניט צו דערוואַרטן קיין „גרויסע זיבן זאַכן״ פון האַלטן פּאַרטראַגן. „מ׳וועט נישט קומען״, הייסט עס. דאַקעגן איז די אַרבעט פון „לעקסיקאָן״ דערגרייכט געוואָרן דורך אינעווייניקסטער אַרבעט, אין דער טעאַטער־פּראָפעסיע, הייסט עס. ער האָט דעריבער זיך אָפּגעהאַלטן פון דערציילן וועגן טעאַטער, אָט למשל, ווי ער האָט זייער אינטערעסאַנט און זייער־אינטערעסאַנטע זאַכן דערציילט אויף דער עקספּאָזע פאַר צייטונגס־פאָרשטייער. די אַרגענטינער טעאַטער־פאַרהעלטענישן זיינען, דאַקעגן, נישט גינסטיק פאַר גראַנדיעזע ג ר י נ ט ל ע כ ע טעאַטער־דעמאָנסטראַציעס, פּשוט דערפאַר, ווייל די אָרטיקע שוישפּילער זיינען אָפּהענגיק פון גאַסטשפּילן און האָבן נישט קיין אייגענע אויפפירונגען. אָט־דערפאַר איז באַשערט געווען ניט צו האָבן גרויס נחת פון דער איינגעאָרדנטער גראַנדיעזער טעאַטער־דעמאָנסטראַציע: טאַקע פאַראַן פיר טרופּעס, גרויסע טעאַטערס, נאָר פאַר דעמאָנסטראַציעס פעלן די דעמאָנסטרירער פון מאָנומענטאַלע קרעאַציעס פון גאָלדפאַדענס, גאָרדינס רעפּערטואַר און פון אַנדערע . . . אי פאַר די שוישפּילער איז עס געווען אַן איבערנאַטירלעכע אָנשטרענגונג, אי ס׳איז נישט דערגרייכט געוואָרן דער ציל — צו ווייזן אויף איין טעאַטער־אָוונט דעם קרן פון יעדער עפּאָכע און יעדער עפּאָכע־מאַכנדיקער פּערזענלעכקייט אינעם יידישן טעאַטער, — אי דער עולם האָט געקוקט אויף דער אונטערנעמונג ווי אויף אַ בענעפיט און נישט ווי אויף אַ דעמאָנסטראַציע פון יידישן טעאַטער און אַ בייטראָג פאַר דעם „מאָנומענט־פאָנד״, אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד פון „לעקסיקאָן״ אין בוענאָס־איירעס.

דער בוענאָס־איירעסער טעאַטער־עולם היצט זיך זייער־שנעל אָן, אָבער קילט זיך אויך זייער־שנעל אָפּ. דאָס איז זייגער אַ גרונטשטריך. עס איז זייער אַ דאַנקבאַרער עולם. ביי אים איז נאָך דאָ פון יענער התלהבות, וואָס האָט געגעבן באַרימטע שוישפּילער און שרייבער פליגלען. אָבער, ער האָט אַלץ ליב אויף דער הייסער מינוט. נייעס. יום־טוב׳דיקייט. פון איין זייט — פּרימיטיווע באַגייסטערונג פאַר טעאַטער; פון דער צווייטער זייט — גרויסע פאָדערונגען צום טעאַטער, נישט דווקא קונסט שבקונסט, נאָר . . . ס׳קען זיין אויך שונד שבקונסט . . . אַבי עס זאָל קאָנען מיטרייסן דעם עולם!

אין אַט־אָ־דער אַטמאָספערע האָט זלמן זילבערצווייג אַריינגעבראַכט אַ סך טעאַטער־שטימונג, האָט מיט זיין קומען אָנגעבראַכט

אַקטיאָרן פֿאַראיין נעמט אויף זלמן זילבערצווייגן

פֿאָטאָגראַפֿירט בוענאָס איירעס, 1936

ערשטע ריי פֿון אויבן (פֿון רעכטס צו לינקס): ערשטער שטייענדיק — נחמיה צוקער, זלמן הירשפעלד, משה עלמאַן, מישע שוואַרץ, דער גאַסט זלמן זילבערצווייג, דיינע גאָלדבערג, אירווינג גראָסמאַן, סעם אויערבאַך באַגריסט דעם גאַסט אין נאָמען פֿון די נאָרד אַמעריקאַנער גאַסטראָליאָרן.

אַ טעאַטער־לופֿט, אַז טעאַטער איז געוואָרן די טעמע פֿון טאָג, און האָט געשלאָסן זיין באַזוך נאָר ווי אַ מיסיאָנער פֿון יידישן טעאַטער קען דאָס טאָן, און דאָס זיינען געווען די צוויי ביכער וועגן יידישע שוישפּילער און בינע, „אברהם גאָלדפאַדען און זיגמונט מאָגולעסקאָ" און „טעאַטער־פיגורן", אין וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין בוענאָס־איירעס גרויסע יחוס־בריוו פֿון יידישן טעאַטער.

ש. ערנסט (תל־אביב)

דער לעקסיקאָגראַף פון יידישן טעאַטער

עס גלויבט זיך קוים, אַז דער יונגער זלמן זילבערצווייג האָט שוין הינטער זיך 30 יאָר פון ליטעראַרישן שאַפן. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז זיין ערשטער אַרויסטריט אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען פאַר 30 יאָר צוריק, אינם יאָר 1910, אין א. רייזענס „אייראָפּעאישע ליטעראַטור" אונטערן פסעוודאָנים „סאַלאָמאָן". זייענדיק אַ זון פון אַ העברעאישן משכיל, איז ער געוואַקסן אין אַ ליטעראַרישער סביבה און האָט זיך אַנטוויקלט אַזוי, אַז זייענדיק אַ יינגל פון זעכצן יאָר, איז ער שוין געווען פעאיק צו זיין דער מיטאַרבעטער פון דערמאָנטן זשורנאַל.

זילבערצווייגס טעטיקייט איז נישט אַזוי גרינג אָפּצושאַצן. ער האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט עניוות׳דיק, איבערזעצט אַ גאַנצע ריי פּיעסן פון אייראָפּעאישן רעפּערטואַר פאַר דער יידישער בינע, און אין משך פון זיין 30־יאָריקער טעטיקייט גייט ער זיך אין דער גראָדער ליניע פון אַ מענטשן, וואָס טוט זיין אַרבעט בשלמות, ניט מיד ווערנדיק.

ער איז דער פאַנאַטישער ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער, אין וועלכן ער איז פאַרליבט מיט אַ ציטערדיקער ליבשאַפט. אויף זיין גאַנצער ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער אַרבעט קוקט ער ווי אויף אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אַרויסצוגעבן אַ לעקסיקאָן, אין וועלכן עס זאָל ניט פעלן קיין איין נאָמען, וואָס האָט עפּעס אַ שייכות צום יידישן טעאַטער און דראַמע. ער האָט אָט דער אַרבעט געווידמעט אַ סך יאָרן; איז אָפּגעזעסן אין משך פון אַ לאַנגער צייט אין ביבליאָטעקן, איבער דער וועלט, באַזונדערס אין דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים און אין דער שטאָט־ביבליאָטעק פון תל־אביב, וואו ער האָט פאַררעגיסטרירט ביאָ־ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן טעאַטער. דאָס איז אָבער געווען ווייניק, איז ער אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט אויפצוזוכן עלטערע שוישפּילער, וואָס זאָלן אים דערציילן וואָס זיי ווייסן וועגן די פּיאָנערן פון יידישן טעאַטער און דראַמע. ער האָט אָט דער אַרבעט געווידמעט אַ סך יאָרן.

די דאָזיקע אַרבעט איז אים ניט גרינג אָנגעקומען. ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן זייער קולטור אויסגעשמידט אין משך פון דורות אויף אייגענער ערד, זיינען פאַראַן פאַרבאַרייטונגען אויף יעדן געביט, ניט אַזוי איז אָבער דער מצב ביי אונדז יידן. דאָס יידישע טעאַטער איז צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע וועלט־טיילן. די יידישע דראַמע איז צעשפּליטערט און צעברעקלט אויף אַלע אינזלען פון יידישע מאָ־טערנישן, צעוואָרפן אין צייטשריפטן און זשורנאַלן, וואָס זיינען גע־דרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער. דעריבער באַרייזט ער פּוילן, גאַליציע, רומעניע און פאַרשידענע אַנדערע לענדער און זאַמלט די מאַטעריאַלן מיט וועלכע ער לייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער פאָרשונג פון אונדזער טעאַטער־ליטעראַטור. די אָפּהאַנדלונגען (מאָנאָגראַפיעס) אין זיין „טעאַטער־לעקסיקאָן" וועגן בערל בראָדער, אברהם גאָלדפאַדען, יעקב גאָרדין, וועלוול זבאַראַזשער (עהרענקראַנץ) — זיינען מייס־טערהאַפט.

איר בלעטערט דעם לעקסיקאָן זיינעם און איר שטוינט. איר האָט געמיינט, אַז איר ווייסט אַלץ וועגן יידישן טעאַטער, ווייזט זיך אַרויס, אַז ניין. פון זילבערצווייגן דערוויסט איר זיך, למשל, אַז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אַמאָל געווען אַ היבשער יידישער טעאַטער־צענטער. יעדעס יאָר האָבן דאָרט יידישע טרופּעס געשפּילט מאָנאַטן לאַנג. אַזוי איז אויך די שטאָט מעץ אין עלזאַס און לאָטארינגען גע־וואָרן אַ יידישער טעאַטער־מאַרק, און אַזוי קאָנט איר דורך די וואַנ־דערונגען פון יידישע טעאַטער־טרופּעס זיך באַקענען מיטן אויפקומען פון נייע יידישע קהילות און יידישע צענטערס.

זייער שווער איז אָנגעקומען זילבערצווייגן די אַרבעט. איך דער־מאָן זיך, ווי ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ פּלאַן פון אַ „פּנקס פון יידישן טעאַטער", אין וועלכן ער האָט געזאָלט פאַרשרייבן די געשיכטע פון יידישן טעאַטער זינט דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, און מיט יאָרן איז זיך דער דאָזיקער „פּנקס" צעוואַקסן און געוואָרן דער גרויסער „טעאַטער־לעקסיקאָן". עס האָט זיך ווירקלעך געפאָדערט אַן עקשנות און אַ זעלטענעם מוט אָנצושרייבן די געשיכטע פון אַ ריזי־קער וועלט־צעשוואומענער 60־יאָריקער קולטור־אינסטיטוציע, איינע פון די סאַמע קאָמפּליצירטע, און דאָס ביי יידן, אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט אַזאַ קנאַפּן חוש פאַר געשיכטע, אַרכיוון און דאָקומענטן. מען האָט

געדארפט דערפאר האבן א סך גערולד און אויסדויער כדי צו שאפן אזא פיאנערן־ארבעט ווי דער דאזיקער לעקסיקאן, אן ארבעט, וואס ווערט געוויינלעך געטאן ביי אנדערע פעלקער דורך א קאלעגיום פון איניקע געלערנטע. ביי אונדזערע אומשטענדן איז מען אבער שוין דערצו געוואוינט, אז די גרעסטע ווערק ווערן געשאפן דורך יחידים.

זילבערצווייגס לעקסיקאן האט דערפילט א גרויסן בלויז ביי אונדז, די נויטיקייט אין אזא לעקסיקאן איז געווען זייער גרויס, די יידישע אקטיארן, צעזייט און צעשפרייט איבער ים׳ען און לענדער, האבן ניט זוכה געווען צו קיין שום ספר הזכרון. א יידישער שרייבער „פאראייביקט" זיך דורך זיין בוך, א יידישער שפילער איז ניט זוכה דערצו, ווייל ער לאזט נאך זיך ניט איבער קיין ממשות׳דיקן שפור.

ס׳האבן זיך אפילו געפונען אזעלכע ווי ב. גארין, י. שיפער און אנדערע, וואס האבן געפרובט צו שאפן א מאנומענט פארן יידישן טעאטער. ד"ר שיפער איז אין זיינע פארעפנטלעכטע ווערק אבער צוגעקומען נאר ביז צום פאר־גאלדפאדען־טעאטער. גארין האט אויספירלעך באהאנדלט די גאלדפאדען און גארדין־פעריאד און די שפעטערדיקע אפערעטעס־פעריאד, אבער נאר פראגמענטאריש בארירט דאס ניי־אויפגעשטאנענע ריינע, קינסטלערישע יידישע טעאטער. אינצווישן זיינען אבער פאר־געקומען גרויסע איבערקערענישן אין יידישן לעבן און אויך אין יידישן טעאטער. עס זיינען אין דער דאזיקער צייט אנטשטאנען יידי־שע קונסט־טרופעס: די „ווילנער טרופע", די „פרייע יידישע בינע", „אונדזער ווינקעלע", דער מאסקווער יידישער מלוכה־טעאטער און מארים שווארצס קונסט־טעאטער.

די שוישפילער פון די דערמאנטע קונסט־טרופעס האבן אין זיל־בערצווייגס „לעקסיקאן" געקראגן דאס ערשטע מאל זייער תיקון. דער „לעקסיקאן" איז רעדאקטירט געווארן מיט מאס און טאקט. ווען טויטע איז פאראן מער אויסשעפנדיקער מאטעריאל, ווי ווען לעבע־דיקע שוישפילער.

ווען די שאפער פון יידישן טעאטער, ווי גאלדפאדען, יעקב גארדין און אנדערע, זיינען פאראן גרויסע ארבעטן. די ביבליאגראפיע ווען זיי איז א מוסטערהאפטע. זילבערצווייג איז היימיש אין דער טעאטער־וועלט און אין דער טעאטער־ליטעראטור, און ער האט גע־פונען מאטעריאלן דארט וואו עמיצן אנדערש וואלט גארנישט איינ־געפאלן צו זוכן.

זלמן זילבערצווייג׳ס יובל־בוך

אחוץ דעם „טעאטער־לעקסיקאן״ האט זילבערצווייג אפגעדרוקט אויך אייניקע ביכער, וואס אנטהאלטן בלעטער יידישע טעאטער־געשיכטע און עפיזאדן און קוריאזן פון יידישן טעאטער. די דאזיקע עפיזאדן זיינען דורכגעדרונגען מיט ציטער און ליבשאפט צו די טרעגער פון יידישן טעאטער.

זילבערצווייג איז אויך טעטיק אלס יידישער זשורנאליסט. זיין זשורנאליסטישע טעטיקייט, אנגעהויבן אין פוילן, איז געווארן פארטגעזעצט אין ארץ ישראל. אחוץ אין יידישע צייטונגען האט ער אויך געשריבן אין די העברעאישע ארץ־ישראל׳דיקע צייטונגען „הארץ״, „דואר היום״ און „מסחר ותעשיה״.

זלמן זילבערצווייג האט זיך קונה שם געווען ביי אונדז ניט בשעה אחת, נאר אין משך פון 30 יאר ארבעט, מיט וועלכע ער האט זיך אויסגעקעמפט און באפעסטיקט זיין ארט צווישן די בויער און שאפער פון אונדזער קולטור.

•



זלמן לעבן:

איך קען דיך אינגאנצן א קורצע צייט, נאר מיר דאכט זיך, אז כ׳בין צוזאמען מיט דיר געבוירן געווארן. דו ביזט מיר איינגעבאקן אין הארצן ווי אן אייגענער ברודער, ווי אן אייגן קינד. א רעדאקטאר, א פארזיצער, א רעדנער, א כלל־טוער — אבער פאר מיר ביזטו אן אייגענער יאט. טא נא דיר א לאדזשער יאטישן מזל־טוב.

מאקס ריז

פרעזידענט פון די

„לאדזער פרענדס בענ. אסס׳ן״

מאָרים שוואַרץ

זלמן זילבערצווייג דער טעאַטער־משולח

זלמן זילבערצווייג איז געקומען צום יידישן טעאַטער ווי יענער משולח, וואָס, אַז ער האָט שוין גאַרניט וואָס צו ברענגען אָדער איבערצוגעבן פון איינעם צום צווייטן, קומט ער גלאַט זאָגן אַ „גוט־מאָרגן," אָדער זיין איינער צום מניך, אָדער גאָר אַריינגיין אין אַ שטוב אַ פרעג צו טאָן טאָמער איז אייך חלילה אומעטיק, וועט ער אייך אויס־ריידן ס'האַרץ . . .

אַט דעם איינדרוק האָט זילבערצווייג אויף מיר געמאַכט ווען איך האָב אים באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ פאַרשטעלונג פון גאָלדפאַדענס „דאָס צענטע געבאָט" אויף דער בינע פון דער אייגענער היים פון קונסט טעאַטער, וואָס מיר האָבן געהאַט אויפגעבויט טאַקע דאָס אייגענע יאָר ווען אונדזער ר' זלמן איז געקומען אין דעם גאָלדענעם לאַנד, אין יאָר 1926.

איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין ענטוזיאַזם פאַרן יידישן טעאַטער. אין דער צייט ווען מיר האָבן זיך שוין גענומען שרעקן פאַר דער קעגנוואַרט, האָט ער גע'חלומ'ט פון אַ ליכטיקער צוקונפט, און גראַד דאָ אין אַמעריקע. דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע דאַרף געבן דעם טאָן פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט — דער טעאַ־טער־שיין דאַרף באַלויכטן די פינצטערע פאַראַרעמטע יידישע געסלעך פון פוילן, רומעניע, ליטע, לאַטוויע, און אַנדערע יידישע לענדער, וואו מ'לעכצט נאָך אַ יידיש וואָרט, וואָס זאָל זיך הערן פון די בינע־ברעטער.

ווען איך האָב געקוקט אויף זיין פּנים, וואָס האָט זיך דערביי צעשמייכלט און די אויגן האָבן גענומען פינקלען פון הינטער די ברילן, האָב איך דערפילט, אַז ער איז אַ ניצוץ פון גאָלדפאַדען אָדער דער גילגול פון הערשעלע אסטראָפּאָליער. זילבערצווייג איז אַ געמיש

פון יענע צוויי ליכטיקע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געבראַכט סיי טעאַטער און סיי נחמה פאַר יידן אויף דור דורות.

זילבערצווייג איז אַ געבוירענער טעאַטראַל. ער האָט שוין גע־פיבערט ביים טעאַטער ווען ער איז געווען אַ סופלער און אונטערגע־זאָגט די אַקטיאָרן וואָס צו זאָגן, ווייל זייער אָפט האָבן זיי נעבעך נישט געקענט נאָכזאָגן. ער האָט איבערזעצט פּיעסן פאַרן יידישן טעאַטער, און דערביי דורכגעלעבט די פריידן און ליידן פון די העלדן אין די פּיעסן. זילבערצווייג איז אַן עכטער פּראָדוקט פון יידישן טעאַטער. ער איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין שורש, ער איז נישט קיין פרעמדער, קיין צוגעטשעפּעטער. ער איז אַ טייל פון דער זיידענער און דער פאַרשמאַלצענער קאַפּאָטע. ער פרייט זיך מיט די נצחונות און טרויערט מיט זיינע ליידן, דערפאַר איז זילבער־צווייג אַזוי חשוב ביי אונדז. ער איז דער געטרייער ליבער פעטער פון דער משפּחה אָרום וועלכן אַלע קלעפּן זיך. אין זיין גרעסטער אָרעמקייט און נויט איז ער געווען אַן עושר, ווייל זיין האַרץ איז פול געווען מיט ליבע פאַר יידיש טעאַטער און פאַר די אַקטיאָרן.

זילבערצווייג וואַקסט תמיד אויס ווען ס'איז ענג און דושנע, ווען ס'האַרץ נאָגט, ווען דער יאוש רייסט זיך דורך טיר און פענצטער, ווען דער צווייפל שטעלט זיך פאַפּעריק און צופּט די האָר פון קאָפּ. אָט אין יענע מינוטן גיט זילבערצווייג אַ שמייכל און שטעלט זיך אַנטקעגן דעם שטן המשחית מיט זיין אייגן פּעקל דחקות און טוט אַ טופּע מיטן פוס: „אַרויס, דו שטן מקטרג, פאַר'סם נישט מיינע אַק־טיאָרן, ווייל אָן יידישע אַקטיאָרן וועט דאָס יידישע לעבן ווערן נאָך מער קאַלעמוטנע ווי ס'איז!", און דער שטן אַנטלויפט אין די הרי חשך.

הייבט אַן עקשן אַ איד איז דער ר' זלמן! נישטאָ נאָך אַ צווייטער זיין גלייכן! אַ קליינקייט, אַ מענטש שטעלט זיך איין צו שאַפן אַ טעאַטער־לעקסיקאָן, אין דער שטאָט ניו יאָרק, וואָס האָט אַזוי אַ שייכות מיט אַ יידישן טעאַטער־לעקסיקאָן ווי פּוטער מיט גענדזנ־שמאַלץ. וואָס האָט דער משולח נישט דעראַרבעט כדי זיין רצון צו דערפילן?! ער האָט צוזאַמענגעפירט אַ וואַנט מיט אַ טויער, אַ דאַך מיט אַ קעלער, און זיין עקשנות האָט מיט מזל געבוירן אַ צווילינג: דעם ערשטן און צווייטן באַנד, און ס'איז כמעט ווי זיכער, אַז דער דריטער וועט זיך ווען ס'איז באַווייזן אויף דער ליכטיקער וועלט.

און טאַקע אין זיין „לעקסיקאָן" וואָלט מען געדאַרפט פאַרצייכנען ווי אַזוי ער האָט דעם צווילינג געשענקט דאָס לעבן: דורך דחקות, בויט, געראַנגל, אַנטוישונג, פאַלשע צוזאָגן, נעכט און טעג פון פאַרצווייפלונג, אַז טאָמער חלילה וועט מען מפיל־זיין, און אייגענע שונאים וועלן הויך אַ לאַך טאָן ווי זיי קענען. אָט די טעג, חדשים און יאָרן פון זילבערצווייגס אויסטראָגן דעם צווילינג זיינען מער ווי דראַמאַטישער שטאָף פאַר דער בינע, ס'איז כמעט אַ גריכישע טראַגעדיע, נאָר, „דאָרט וואו תורה דאָרט איז חכמה", און דאָרט וואו ס'איז דאָ ליבע אין האַרצן, ווערט פון אַ פאָדעם אַ שטריק און פון פעניס דאָלאַרן און דער צווילינג האָט דערזען די יידישע וועלט.

וויפיל מאָל האָט ר' זלמן מיך געשלעפּט אַ פּאַרגרימירטן קיין בוּאַרק און אַנדערע שטעטלעך אנטייל צו נעמען אין קאָנצערטן צו שאַפן פאָנדן פאַרן לעקסיקאָן? — וואוהין לויפט איר, זילבער־צווייג? — וואוהין זאָל איך לויפן? צום דרוקער, ער מאָנט געלט און איך האָב נישט, גיי איך אים טרייסטן, אַז באַלד־באַלד קומט די ישועה אויפן יידישן טעאַטער, און ס'וועט זיין גענוג געלט אים צו באַצאָלן.

איינמאָל האָט דאָך זילבערצווייג מיך געמאַכט פאַר אַ יידישן אַקטיאָר . . . יאָ, דאָס איז אַ פאַקט. איך האָב דעמאָלט געשפּילט איבער פאַרשידענע טעאַטערס סצענעס פון שעקספּירס „שיילאָק" אויף ענגליש, און שטייענדיק אַזוי אויף דער בינע און אויסוויינענדיק זיך מיין האַרץ מיט דעם באַרימטן מאָנאָלאָג וועגן ביטערן גורל פון ייד, דערזע איך פּלוצלונג זילבערצווייגן הינטער דער בינע. כ'פאַרשטיי שוין, אַז ס'איז „טראָבל". געטראָפן! אין אַ טעאַטער, נישט ווייט וואו איך שפּיל, קומט פאַר אַ קאָנצערט פאַרן לעקסיקאָן. דאָס טעאַ־טער איז אויספאַרקויפט (יידן זיינען נאָך דעמאָלט געגאַנגען אין יידישן טעאַטער), נאָר איין באַרימטער סטאַר איז קראַנק געוואָרן און קאָן נישט קומען, האָט זילבערצווייג מורא, אַז מען וועט זאָגן „דער לעקסיקאָן האָט אָפּגענאַרט דעם עולם", און דאָס טאָר נישט פּאַסירן.

בקצור — איך האָב מיר געמוזט אַראָפּנעמען דעם גרים פון גוי'אישן „שיילאָק" און אַריינכאַפּן זיך פון איין אויפטריט מיינעם ביז צום אַנדערן אין יידישן טעאַטער און רעציטירן עפּעס פון פרץ'ן, אַבי צו ראַטעווען דעם גוטן נאָמען פון „לעקסיקאָן".

וויפיל מאָל האָט ער מיך געשלעפּט צו פאַרמעגלעכע יידן ביי זיי עפּעס צו באַקומען פאַרן „לעקסיקאָן"? די המצאות און קלו־

גע עצות, וואָס יענע יידן האָבן אונדז געגעבן, אָנשטאָט געלט, וואָלט מען אויך געדאַרפט פאַרשרייבן אין „לעקסיקאָן", פונדעסטוועגן האָבן מיר דורך נסים ונפלאות דאָך אַרויסגעשלעפּט פון אַ סך זאַטע יידן היבשע מטבעות.

דער אמת איז, אַז אין די לעצטע יאָרן זייט ר׳ זלמן איז געוואָרן אַ סטאַטעטשנער רעדאַקטאָר און איז פאַרנומען מיט זיין צייטונג, פעלט אונדז אַקטיאָרן אָט יענער זילבערצווייג, וואָס האָט זיך באַ־וויזן דורך פאַרמאַכטע טירן און אָפט שיער ניט פאַרבלאָנדזשעט אויף דער סצענע אין מיטן שפּילן . . .

איך האָב אָפט געטראַכט, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ שטיקל נגיד, וואָלט איך געצאָלט זילבערצווייגן שכירות ער זאָל נישט זיין פאַרקויפט און צוגעבונדן צו אַ שטעלע, אפילו אַ רעדאַקטאָר־שטעלע, נאָר ער זאָל אַרומפאָרן פון איין טעאַטער צום אַנדערן, צוזאַרפן אונדז אַ שמייכל, אַ טרייסט־וואָרט, דרייען אַ מוח, אַז מ׳דאַרף געלט פאָרן דרוקער; אָדער גלאַט כאַפּן אַ שמועס מיט אים וועגן אַ יידישן אַקטיאָר ערגעץ אין עגיפּטען אָדער בראַזיל, ווייל וואו איז ער דען ניט געווען, אָדער ס׳איז דען דאָ ערגעץ אַן אַקטיאָר אָדער שרייבער וועמענס נאָמען און טאַטענס נאָמען זילבערצווייג קען נישט? ער איז אַליין אַ שפּאַצירנדיקער לעקסיקאָן, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אַ לויפנדיקער, ווייל ביז איצט האָט נאָך זילבערצווייג נישט שפּאַצירט — ער לויפט. אַלס רעדאַקטאָר שפּאַצירט ער שוין אַביסל, אָבער דער קוועקזילבער אין אים און זיין טעאַטער־נערוו לאָזן אים נאָך איצט אויך נישט זיצן אויף אַ בענקל. ער מוז נאָך אַלץ זיצן אויף אַן עק, איבערלאָזנדיק דאָס גאַנצע בענקל פאַר אַ צווייטן.

דאָס יידישע טעאַטער האָט געמוזט האָבן אַ זלמן זילבערצווייג און ער האָט געמוזט האָבן דעם יידישן טעאַטער . . .

זיין יובל איז נישט קיין געווייגטלעכער, זיינע 30 יאָר טעטיקייט ביים טעאַטער און ביי דער יידישער ליטעראַטור האָבן אונדז היפּש באַרייכערט, ער האָט זיין חלק אונדז צוגעטראָגן מיט שווערער מי, אָבער מיט אַ סך ליבע. דער יום טוב זיינער איז אַ סך מער אונדזע־רער ווי זיינער, ווייל ער האָט זיך שוין לאַנג צעשיידט מיט זיין איך און אים אונדז אַוועקגעשענקט. וואָס מיר קענען און דאַרפן אים צוריקצאָלן זיינען מיר נישט רייך גענוג, אָבער דעם דריטן באַנד פון לעקסיקאָן מוזן מיר זען אויף דער ליכטיקער וועלט — וואָס־

גיכער. אויך דאַרפן מיר אים צוריקצאָלן פאַר זיין גרויסער ליבע צום יידישן טעאַטער, כאָטש מיט איין פּראָצענט פון די טויזנט וואָס ער האָט פאַרדינט, וועט דער טעאַטער־משולח דעם פּראָצענט פאַר זיך נישט באַהאַלטן. ער וועט אים פאַרזייען אין דעם צעאַקערטן טעאַטער־פעלד און ס׳וועט אויסוואַקסן נאָך אַ טעאַטער־בלום פאַרן אָרעמען יידישן טעאַטער.

וואַרעמע באַגריסונג צום יובילאַר

פון

„פאָרווערטס״

יעקב קאַליך

מיין יום טוב

אַ נ ד ע ר ע האָבן געשריבן וועגן
יידישן טעאַטער,
ע ר : . . . וועגן יידישן אַקטיאָר.
אַ נ ד ע ר ע האָבן באַזונגען בלויז
די הויפּט העלדן פון יידישן טעאַטער,
ע ר : יעדן יידישן אַקטיאָר — דעם
קלענסטן גלייך מיטן גרעסטן.
אַ נ ד ע ר ע האָבן אונדז באַליידיקט,
ע ר האָט אונדז פאַרהערלעכט!
אַ נ ד ע ר ע האָבן זיך מיט אונדז גע׳חבר׳ט בלויז אין די
גוטע צייטן,
ע ר איז געבליבן מיט אונדז לעולם ועד!
אַ נ ד ע ר ע קענען אונדז ווי פרעמדע,
ע ר ווי אַ נאָענטער, אַן אייגענער.
אַ נ ד ע ר ע געדענקען אונדז בלויז ווען זיי קוקן אויף אונדז,
ע ר געדענקט אונדז שטענדיק און איבעראַל.
אַ נ ד ע ר ע געפינען אין אונדז צוערשט שלעכטס,
ע ר צוערשט גוטס!
אַ נ ד ע ר ע האָבן אונדז אָפּגעזאָגט אונדזער לעבן,
ע ר האָט אונדז פאַראייביקט.
איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין פּוילן,
אים געטראָפן אין בעלגיען,
אים באַגעגנט אין ענגלאַנד,
אים דערזען אין רומעניען,
אים אָפּגעוואַרט אין פראַנקרייך.

ווי אין דער לעגענדע פון בעל שם טוב — וואו מ'האָט געקוקט, האָט מען אים געפונען!

ווי דער „משולח" איז ער געגאַנגען און געזאַמלט שמות פון יידישן אַקטיאָר.

געפּאָרשט, געזוכט, געלאָפן פון אָרט צו אָרט, דעם יידישן אַקטיאָר „אַ פּאַספּאָרט" צו געבן.

ווער וואָלט געוואוסט פון צענדליקע פון אונדזערע בויער ווען ניט זלמן זילבערצווייג?

ווילט איר וויסן ווער מיר זיינען? פונוואַנען מיר קומען? — פרעגט זלמן זילבערצווייגן.

ער איז אונדזער רעגיסטראַטאָר, ער האַלט אונדזערע „מעט־ריקעס", ער פאַרשרייבט אַלץ און ווייסט אַלץ וועגן יידישן אַקטיאָר.

אונדזערע חכמות, אַנעקדאָטן, ווערטלעך, טעאַטער־פאָלק־לאָר, — וואו וואָלט דאָס געווען ווען ניט זלמן זילבערצווייג?!

ווער וואָלט אונדז געדענקט נאָכן לעצטן פאָרהאַנג, ווען ניט זלמן זילבערצווייג?

און ווייל דו האָסט יעדן פון אונדז אינזינען, ווייל דו האָסט יעדן פון אונדז פאַראייביקט, און ווייל דו ביזט היינט מיט אונדז, דערפאַר איז היינט מיין יום טוב!

•

עס איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו גראַטולירן אין פרייען אַמעריקע אַ קינד פון דער שטאָט, וואו מיין פאָטער האָט געהאָלפן אויפבויען דאָס יידישע לעבן, וועלכעס ווען האַפנטלעך קיינמאָל נישט צעשטערט ווערן אפילו דורך אַזא המן ווי היטלער.

זלמן זילבערצווייג איז אַן אמת'ער לאָדזשער פּראָדוקט — אַקטיוו, אַרבעטסזאַם און אַ וואַרעמער ייד.

הערמאַן באַש

זלמן זילבערצווייגס יובל־בוך

מאיר קאַסטאָף

זילבערצווייג אין זילבער־צווייג 83

מיין באַקאַנטשאַפט מיט זלמן זילבער־צווייג הויבט זיך אָן אַ סך פריער, ווי איך האָב אים פּערזענלעך דערקענט אַלס אַ חבר פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

אַלס אַ יידישער זעצער, קען איך אַ סך שרייבער „פון דער ווייטן", לייענענדיק נאָר זייערע כתב־יד'ן, און אַ סך פון דער שרייבער־משפּחה צייל איך צווישן מיינע בעסטע פריינט, אָבער זילבערצווייגן האָב איך גע־קענט „פון דער ווייטן" נאָר אַלס דעם רע־דאַקטאָר פונם „טעאַטער־לעקסיקאָן"; איך האָב פון אים, פּונקט ווי פונם צווייטן זלמן (רייזען), געוואָלט אויסגעפינען די סודות ווי אַזוי מען מאַכט אַ לעק־סיקאָן . . . דער אמת איז, אַז כ'טראָג זיך אַליין אַרום אַ סך יאָרן מיט אַ „משוגעת", אַרויסצוגעבן אַ זעצערשן לעקסיקאָן, אָדער אַן ענלעך בוך וועגן יידישע זעצער, וואָס איך גלויב, אַז ס'וואָלט געווען פון באַדייטנדן נוצן און אינטערעס פאַר דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע.

איז ווען זלמן רייזען איז געקומען קיין אַמעריקע, פלעג איך אים ביי אַ געלעגנהייט פרעגן עצות, און ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע „שוועריקייטן" מיטן שרייבערשן לעקסיקאָן; און ווען איך פלעג דאָ זען דעם נאָר־וואָס אָנגעקומענעם זלמן זילבערצווייג, פלעג איך אים נעמען מאַטערן מיט מיינע פראַגן וועגן זיין לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער . . . זיין ענטפער צו מיר איז געווען, אומגעפער, אַזוי:

— מילא, איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער; איך בין שוין אַריינ־געפאַרן, און ס'איז ניטאָ קיין וועג אויף צוריק; אָבער דו, איידער דו הויבסט נאָך אָן, פאָלג מיך, און „באַדער" זיך ניט . . . ס'איז אומגעהייער שווער! און ווען ס'זאָל זיך דיר אפילו איינגעבן עפּעס

אויפצוטאָן אויף דעם געביט — וועסטו דערנאָך קריגן שטיינער אַז אַ שיעור . . . צו וואָס דאַרפסטו עס? האָסט אַ דזשאָב אין אַ צייטונג, — שטיי און אַרבעט! . . .

ווי באַוואוסט, איז זלמן זילבערצווייג אַ מענטש, וועלכער גייט ניט פּאַמעלעך, נאָר ער לויפט . . . שטענדיק איילט ער זיך! און אַזוי ווי איך בין אויך איינער פון די, וואָס איילן זיך שטענדיק, פּלעגן מיר אָפט איינער דעם אַנדערן פאַרביילויפן, זיך דורכוואַרפנדיק מיט עטלעכע ווערטער. איך בין שוין כמעט געוואָרן איבערצייגט, אַז קיין גוטע עצות פון זילבערצווייגן וועגן שאַפן אַ זעצערשן לעקסיקאָן וועל איך שוין ניט קריגן... נו, האָב איך ביי מיר באַשלאָסן: אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל איך אים לאָזן גלאַט אַזוי לויפן און ניט מאַכן אים פאַר קיין מיטגליד פון מיין באַליבטער אָרגאַניזאַציע, דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, און טאַקע אַ חבר פון מיין „ברענטש 83", וועלכער איז, אגב, אַ נאָמען נאָך אונדזער גרויסן י. ל. פּרץ?

און דעם אמת געזאָגט, דערקענענדיק נענטער זילבערצווייגן און וויסנדיק וואָס פאַר אַ קוואַל פון ענערגיע דער מענטש באַזיצט, האָב איך געוואָרפן אויף אים אַן אויג ווי אויף אַ צוקונפטיקן אָנפירנדן חבר. און אַזוי ווי איך האָב געקראָגן פון אים אַ צוזאָג, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט אָפּשטעלן זיינע וואַנדערונגען און באַקומען אַ שטענדיקע שטעלע אין אַ רעדאַקציע, וועט ער ווערן אַ חבר אין פאַרבאַנד, האָב איך שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט דאַרפן פאַרנעמען מיין פּלאַץ אַלס פאָרזיצער אָדער אַן אַנדערן וויכטיקן אמט אין דער אָנפירערשאַפט פון י. ל. פּרץ צווייג 83.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען: נאָך איין יאָר איז זילבערצווייג ביי אונדז געווען אַ פּשוט'ער סאָלדאַט. אויפן צווייטן יאָר איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס וויצע־פאָרזיצער פון צווייג, און נאָך איידער דאָס יאָר איז אַוועק, איז ער טאַקע אויך געוואָרן דער פאָרזיצער פון צווייג 83, צו וועלכן אמט ער איז דעם חודש צום דריטן מאָל שוין דערוויילט געוואָרן.

אַלס פאָרזיצער פון אונדזער צווייג 83, ווייזט ער אַרויס זיין אמת'ן טאַלאַנט אויף אַלערליי אופנים, ער בלאָזט נישט פון זיך, ווי עס טוען גאַנץ אָפט די הויכע באַאַמטע, נאָר ער טוט די אַרבעט פון אַ געוויינלעכן חבר אין צווייג, און שטייט אויך צו דינסט צום שטאָט־קאָמיטעט צו גיין ריידן אין אַנדערע צווייגן וועגן פאַרשידענע אַקציעס

אין אונדזער באַוועגונג; חוץ דעם איז ער טאַקע צוגעפּאַסט צו פאַרטרעטן דעם צווייג 83, ווייל דאָס איז אין דער אמת'ן אַן אייגנאַרטיקער „צווייג״ אין אונדזער „בוים״. דאָ געהערן אַ גרויסע צאָל באַדייטנדע שריפטשטעלער, קולטור־טוער, קינסטלער, דיכטער, שריפטזעצער און אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, גלאַט פאָלקסמענטשן, וועלכע ווילן זיך אויסלעבן אין אַ יידיש־קולטורעלער ספערע, און חבר זילבערצווייג איז מיט אַלעמען אויסגעבונדן, איז גוט באַקאַנט אין אָט דער יידיש־קולטורעלער און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער סביבה, און צו יעדער זאַך וואָס ער נעמט זיך, טוט ער עס מיט ענטוזיאַזם און גרויסער, כמעט אומנאַטירלעכער, איבערגעבנקייט. דערפאַר, ווען מיר גרייטן זיך איצט צו פייערן דעם זילבער־יובילייַ פון אונדזער צווייג (אין סעפּטעמבער 1941 ווערט 25 יאָר זינט דער „ברענטש 83״ איז געגרינדעט געוואָרן) און מיר נעמען זיך אונטער ביז יענער צייט צו פאַרדאָפּלען אונדזער איצטיקע מיטגלידערשאַפט, און דאַן פייערן דעם יום־טוב אויף אַ גאָר־פיינעם אופן, זיינען מיר זייער צופרידן צו האָבן אַלס אונדזער פאָרזיצער דעם אומדערמידלעכן טוער, דעם עקשנות'דיקן קעמפער פאַר אונדזערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאַלן, דעם העברעאיש־יידישן שריפטשטעלער, דעם טעאַטער־געשיכטע־זאַמלער און פאָרשער און טאַקע, מער פון אַלץ, דעם גוטן חבר זלמן זילבערצווייג. מיר ווינטשן אים צו זיין איצטיקן יובילייַ נאָך אַ סך יאָרן פון פרוכטבאַרער אַרבעט אויף אַלע געביטן פון זיין טעטיקייט, און מיר זאָלן צוזאַמען נאָך פראַווען אַ סך שמחות, ווען ס'וועט זיין רויִקער אויף דער וועלט, און במילא וועט שוין אויך קומען אַ ישועה אויף אונדזער פאָלק אומעטום וואו עס איז, און מיר וועלן נאָך פראַווען זיין נאָענטסטן יובילייַ אין זיין אמת'ער היים, אין ארץ ישראל.

כאָטש איך שרייב דאָס אין מיין אייגענעם נאָמען, ווייס איך פונדעסטוועגן, אַז אַלע אונדזערע חברים און חברות פון י. ל. פרץ צווייג 83 זיינען מיט מיר מסכים.

רעגינא פעלדאָן

אָן עפּאָלעטן!

דער פּאַראײניקטער רעטונגס־קאָמיטעט פאַר דער שטאָט לאָדזש באַגריסט מיט האַר־ציקער וואַרעמקייט איר באַליבטן מיטגליד און פריינט זלמן זילבערצווייג צו זיין 30־יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ־יום־טוב. זאָלן זיינע דערגרייכונגען אויף דעם געביט אין דער צוקונפט זיין אַזוי פרוכטבאַר ווי די ביז־איצטיקע.

די ווערט פון אַרבעט אויפן געזעלשאַפט־לעכן געביט דעצידירט נישט אַלע מאָל די גרויסע קערפּערשאַפט. עס איז גיכער ווער עס אַרבעט און וואָס מען דערגרייכט מיט דער אַרבעט.

עטלעכע לאָדזשער אָרגאַניזאַציעס האָבן אין 1935 געגרינדעט אַ צענטראַלע, וואָס עס זאָל אויף אַ קאָלעקטיוון אופן דורכגעפירט ווערן הילפס־אַרבעט פאַר דער שטאָט לאָדזש.

פון אַ פּאָר געצײלטע פאָרטרעטער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס איז אַנטשטאַנען דער פּאַראײניקטער רעטונגס־קאָמיטעט, וואָס זלמן זילבערצווייג איז אַ מיטאַרבעטער שוין איבער 3 יאָר.

ער פאָרטרעט ניט קיין אָרגאַניזאַציע, ער אַרבעט אַלס אַ יחיד און אַלס אַזעלכער האָט ער זיך מיט אַלע זיינע חושים איבערגעגעבן דער נאָבעלער און פאַרצווייגטער אַרבעט.

אין זיין באַציאונג צום קאָמיטעט און וואָס דער קאָמיטעט פאַר־טרעט, ווייזט ער אַרויס גרויס ליבשאַפט און אינטערעס צו דער שטאָט לאָדזש, וואו זיין וויגעלע איז געשטאַנען, און וואו ער האָט געמאַכט זיינע ערשטע שריט אויף דעם ליטעראַרישן וועג.

ווען די זון וועט ווידער פאַר לאָדזש אויפשיינען, וועט לאָדזש זי־כער אָפּשאַצן דעם געטרייען זון, וועלכן זי האָט אין זלמן זילבערצווייג. מיט זיינע מעטאָדן און אָנווייזונגען האָט ער דעם רעטונגס־קאָמיטעט

זלמן זילבערצווייג'ס יובל־בוך

דערהויבן צו אַזאַ מדרגה, אַז ער פאַרנעמט אַ זייער חשובין פלאַץ אויף דער יידישער גאַס.

מיט אומפאַרגלייכבאַרער פינקטלעכקייט פירט ער אויס זיינע פליכטן. ער איז דער געשעפטס־פירער און רעדאַקטירט דעם „יזכור־בוך", וואָס דער רעטונגס קאָמיטעט גרייט זיך אַרויסצוגעבן מיט דער הילף פון אַלע לאָדזשער אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. אָט דאָס „יזכור־בוך" דאַרף נישט זיין נאָר אַ מאָנומענט פאַר די קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען דורך די מערדערישע נאַצים, נאָר די סומע, וואָס זאָל געשאַפן ווערן דורך דעם בוך, דאַרף אויך זיין אַ קוואַל פון לעבנסמיטלען פאַר די לעבן־געבליבענע לאָדזשער ברידער און שוועסטער אויף דער הייסער מינוט, ווען דאָס יידישע לאָדזש וועט צוריק אויפלעבן פון אירע חורבות.

זילבערצווייג איז די גייסטיקע טרייב־קראַפט פון קאָמיטעט. ער איז נישט קיין אָפיציעלער באַאַמטער, ער טראָגט נישט קיין עפּאָ־לעטן, דאָך האָט ער נאָך קיין זיצונג פון קאָמיטעט נישט דורכגעלאָזט, שרייבט די פובליסיטי פאַר דער פרעסע און באַזאָרגט זי אַליין, אָרגאַ־ניזירט אונטערנעמונגען, גייט אַרום צו די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַ־ציעס זיי וועקן פאַר הילפס־אַרבעט, און נישט פאַרטרעטנדיק קיין אָרגאַניזאַציע שאַפט ער הילף אויף זיין אייגענעם אופן.

דער פאַראייניקטער לאָדזשער רעטונגס־קאָמיטעט איז שטאָלץ, וואָס דער שריפטשטעלער זלמן זילבערצווייג, וועלכער האָט אַ וועלט דורכגעוואַנדערט און איז אַ בירגער פון דער גרויסער יידישער וועלט, איז געבליבן ביי דער אינטימער וואַרעמער באַציאונג, ווי אַ קינד צו זיין מאַמע־שטאָט לאָדזש.

●

ווערטער פריינט זילבערצווייג:

צו דער פייערונג פון אייער 30־יאָריקן ליטעראַרישן יובילעאום און די פאַרענדיקונג פון די „דרייסיק יאָר קריג" מיט דער זעצער־און־דרוקער אַרמיי פון דאָס יידישע וואָרט, ווינטשן מיר אייך פון טיפן האַרצן מיט נאָך מער כח און ענערגיע פאָרטצוזעצן אייער הייליקע „קריג" מיט אונז ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

די זעצער און דרוקער פון די טריאָ פרעס, אינק.

מאָריס בלום, פיליפּ בראָדסקי, הערי חיימאָוויטש, דען מאַנדעל, בנימין מילער, מאַקס סעמיגראַם, משה קאָשעס, ביטריס ראָזענבערג

שאול ספיר

צען וואָפּן

ענערגיע, פּלוס מוט, פּלוס געדולד, פּלוס אויסדויער, פּלוס וואַגונג, פּלוס באַגייסטערונג, פּלוס פּינקטלעכקייט, פּלוס אונטערנעמונג, פּלוס טאַלאַנט און פּלוס אָפּטימיזם = זלמן זילבערצווייג.

אָט די דאָזיקע צען עלעמענטן זיינען פאַרקערפּערט אין דער פּערזאָן זלמן זילבערצווייג. דאָס זיינען זיינע וואָפן, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער „מלחמת החיים”, און ער האָט געזיגט.

אַ דרייסיק־יאָריגע מלחמה האָט ער געפירט, באַנוצנדיק זיך מיט די וואָפן, און איצט פייערן מיר זיין זיג . . .

דרייסיק יאָר ווערט זינט זלמן זילבערצווייג האָט זיך באַוויזן אויף דעם יידישן ליטעראַרישן „שלאַכטפעלד” און ווי אַ בראַווער סאָלדאַט האָט ער ניט אויפגעגעבן זיינע פּאָזיציעס. ער האָט מאַרשירט פאָראויס . . . דרייסיק יאָר פאָראויס . . . דער וועג איז נאָך אַ לאַנגער . . . נאָך דרייסיק יאָר לכל הפחות. אָבער דער ערשטער העלבער וועג איז געווען דער שווערסטער, פול מיט דערנער, מיט שטרויכלונגען, און ווען ניט זיינע טייערע וואָפן, וואָלט ער זיין ציל ניט דערגרייכט.

בלויז אַ צענט־חלק פון די דרייסיק יאָר האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגן צו קענען זלמן זילבערצווייגן פּערזענלעך. ביז מיט דריי יאָר צוריק איז ער מיר געווען באַקענט נאָר לויט

אויסערלעכע איינדרוקן. איין מענטש האָט זיך אונטערגענומען צו טראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַן „עמפּייר סטייט בילדינג״ . . . געקומען מיט אַ חלום, וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגן פאַר פיל יאָרן אין פּוילן און ארץ ישראל צו שאַפן אַ טעאַטער־לעקסיקאָן, אַ ריזיק געוואַגטע אונטערנעמונג . . .

דריי יאָר ווי איך זיץ אין דער רעדאַקציע פון „אַמעריקאַנער״ צוזאַמען מיט מיין ליבן קאָלעגע און חבר זלמן זילבערצווייג, און איך פיל אַז ער איז מיר איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. איך האָב ליב זיין שיין־קלינגענדע שטימע, איך האָב ליב זיין חוש פאַר הומאָר, זיין אָפּטימיזם . . . זיין ליבן האַרציקן שמייכל.

— ניט געזאָרגט, איר׳ט זען וואָס ענגלאַנד וועט טאָן צו היטלערן . . . מען וועט זיי צעטרייבערן!

עס איז געווען סוף לעצטן זומער, ווען פראַנקרייך איז געפאַלן, און אין דער יידישער גאַס האָט זיך צעטראָגן אַ שרעקלעכער פּעסימיזם, אָט־אָט און ענגלאַנד וועט חלילה אויך פאַלן . . . אַלץ איז אויס . . . די יידישע וועלט גייט אונטער. אַן אמת׳ע איכה־שטימונג . . . און זילבערצווייג רופט אויס מיט זיין העל־קלינגענדער שטים:

— געדולד, ספּיר, איר׳ט נאָך זען. אַי, וועלן די ענגלענדער צעשמעטערן דייטשע שטעט . . . אַי וועט איטאַליע כאַפּן מפּלות . . .

זיין אָפּטימיזם ווערט פאַרווירקלעכט . . . ער האָט געדולד . . .

אָט זיצט ער ביי זיין שרייב־מאַשין און שנעל לויפן זיינע פינגער. איין זייטל ווערט פאַרטיק, אַ צווייטס, אַ דריטס, אַן אַרטיקל . . . און אָט, דוכט זיך, אַז ער איז שוין מיד . . . אָבער דאָ דאַרף מען אָנשרייבן נאָך אַן אַרטיקל, און טאַקע שנעל . . . די זעצער וואַרטן . . . ער איז ווידער ביי דער אַרבעט . . . די פינגער קלאַפּן . . .

וואָס פאַר אַ ים מיט ענערגיע און מוט ער באַזיצט . . . מאַכן זיך אומאנגענעמלעכקייטן אין רעדאַקציע און אַנדערש־וואו — זלמן זילבערצווייג ווערט ניט אַנטמוטיקט . . .

— געדולד . . . געדולד !

ענערגיע, מוט, געדולד . . . צוזאַמען מיט די אַנדערע מעלות — דאָס איז זלמן זילבערצווייג ! . . . און איך ווינטש מיין ליבן קאָלעגע, אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו פייערן זיין זעכציק־יאָריגע ליטעראַרישע טעטיקייט אין ארץ ישראל, צו וואָס ער ווידמעט אַ טייל פון זיין לעבן.

•

זלמן זילבערצווייג דערמאָנט מיך מיינע פריע יוגנט־יאָרן, ווען מיר האָבן צוזאַמען געשפּילט יידיש טעאַטער. ער איז פאַר מיר געבליבן די יוגנט, נישט געקוקט אויף אַ 30־יאָריקן יובילעי.

בעסי רייכערט

•

די פּאַראַמאַונט טייפּסעטינג קאָרפּאָריישאָן

ל. עהרליך, אינהאַבער

226 וויליאַמס סטריט, ניו יאָרק

באַגריסט הארציק דעם יובילאַר זלמן זילבערצווייג

•

אייערע 30 יאָר דערמאָנען אונדז אָן אונדזערע שענסטע חלומות

צו אייער יום־טוב, ליבער פריינט, וואָס שליסט אָפּ אַ פּעריאָד פון 30 יאָר שאַפן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און באַזונדערס פאַרן יידישן טעאַטער, ווינטשן מיר אייך דאָס סאַמע בעסטע צוזאַמען מיט אייער פאַמיליע און גוטע פריינט.

אָט דער פּעריאָד פון 30 יאָר פרישט אויף אין אונדזער זכרון אונדזערע אייגענע שענסטע יאָרן אין אַמעריקע, וואו מיר האָבן איבער־געלעבט דעם גלאַנץ־פּעריאָד פון יידישן טעאַטער, וואָס פאַרבינדט אונדז אַזוי נאָנט.

משה שמש און פרוי

זלמן זילבערצווייג׳ס יובל־בוך

מיין ליבער שלום פערלמוטער,

אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אייך גלייך ניט געענטפערט אויף אַזאַ וויכטיקן בריוו — וועגן אַ יום־טוב פון אַ חשוב׳ן יידישן שריפט־שטעלער, ווי עס איז אונדזער זלמן זילבער־צווייג, בפרט אַז אייניקע ליטעראַטור־היס־טאָרישע אַרבייטן זיינע, ווי וועגן מענדעלעס טעאַטער־שטיק און וועגן אחד־העם און זיין באַציאונג צו יידיש, האָב איך געלייענט מיט גרויס אינטערעס און פיל געלערנט פון זיי — אויך אַלס רעדאַקטאָר פון „טעאַטער לעקסיקאָן" איז זלמן זילבערצווייג ווערט, אַז זיין יוביליי זאָל געפייערט ווערן ניט נאָר מיט דעם אַנטייל פון יידישע בינע־קינסטלער, פאַר וועמען דער יובילאַר האָט פיל גע־לייסטעט אַ דאַנק זיין דאָ דערמאָנטן „טעאַטער־לעקסיקאָן" — נאָר טאָקע אויך פון קאָלעגן שריפטשטעלער.

זיין יחוס, וואָס איר דערמאָנט מיר אין אייער בריוו — אַז ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט 30 יאָר צוריק מיט אַ פּאָר איבערזעצונגען פאַר דער וואָכנשריפט „אייראָפּעאישע ליטע־ראַטור", וואָס איז דערשינען אונטער מיין רעדאַקציע, איז אודאי ביי מיר אָנגענומען, ווי אַן אַנגענעמע דעראינערונג, און דער יובילאַר ווערט מיר נאָך ליבער.

זיין ליטעראַרישער יחוס אָבער, ווי אַן אָריגינעלער שרייבער איז פיל גרעסער. און טאָקע אַ דאַנק זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן מענדעלי מוכר ספרים, אחד העם, אברהם גאָלדפאַדען און וועגן פילע אַנדערע שרייבער, טעאַטער־מענטשן און יידישע שעפער בכלל.

ווינטש איך אים אַלס דאָס גוטס, מוט און שאַפונגס־ווילן אין די ווייטערדיקע יאָר. זלמן זילבערצווייג איז סיי ווי סיי פון די יונגסטע יובילאַרן, און מיין וואונטש וועט זיכער פאַרווירקלעכט ווערן — צו מיין פרייד און צו דער פרייד פון אַלע זיינע פריינט און פאַרערער, וואָס קענען אים ווי אַ שריפטשטעלער און ווי אַן ווינטשנסווערטע און הויך באַגאַבטע פערזענלעכקייט. ווי אַ קאָלעגע איז זלמן זילבערצווייג איינער וועמען איך שעץ, אַכט און מיט וועמען עס איז מיר אַנגענעם צו כאַפּן אַ שמועס וועגן ליטעראַטור־פראַגן, טעאַטער־פראַגן און בכלל וועגן יידיש־וועלטלעכע פּראָבלעמען.

אברהם רייזען

דער לעבעדיקער

אנבב"ב *)

אַ מאָדנער מענטש דער זלמן זילבער־צווייג.

אין גרונט זייער אַן ערנסטער מענטש. האָט ליב טעאַטער מיט אַלע זיינע נערוועז. קאָן זיך שלאָגן ביז בלוט פאַר אַ באַמערקונג וועגן גאָלדפאַדען, און פאַר אַ גרייז אין אַ דאַטום איז ער גרייט אָנצוהויבן אַ דריטן וועלט־קריג . . .

אָבער אויסערלעך איז ער אַ לייכטער פאַסאַזשיר. סידאַכט זיך, אַז ווען ער פאָרט ערגעץ נעמט ער ניט מיט קיין צופיל באַגאַזש . . . וויל מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער איז לייכטיזיניק ביז גאָר . . .

⁂

אַ מאָדנער מענטש, דער זלמן זילבערצווייג: ער האָט ליב שפּאַסן און מערסטנס פון זיך אַליין:

— איך קאָן טאַקע שרייבן?

— בין איך טאַקע אַ שרייבער? . . .

און גיט איר אים אַ קאָמפּלימענט פאַר זיינעם אַן אַרטיקל, קוקט ער אייך אַריין אין די אויגן:

— טאַקע? איר מיינט עס?

אַפט דאַכט זיך אייך, אַז ער איז גרייט אפילו אויסצוטראַכטן אויף זיך אַ בלבול — אַבי צו באַווייזן, אַז ער קען גאָרנישט . . .

אין אים לעבט נאָך דער אַקטיאָר, וואָס איז ניט געקומען צום אויסדרוק, — טראַכט איך זיך, — אפשר מאַכט ער עס „פּראָבע" מיט זיך אַליין . . . שטענדיקע „פּראָבע" . . .

⁂

לויט זיין לעבנס־אַרבעט, דעם „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", איז ער אַ טעאַטער־פאָרשער, אַ מענטש וואָס האָט אַריינגעקוקט ניט נאָר „הינטערן פאָרהאַנג", נאָר אַפילו פאַרשידענע „פּורימ־ס ביי יידן" האָבן אים אויך פאַראינטערעסירט . . .

דארף ער, על פי פראפעסיע, זיין א שווערער מענטש, א מיושב, און א קאפּיטשקע אויך זויער . . . אבער ער איז עס דוקא ניט . . . ער האט שטענדיק א שמייכל אויף זיין יונגען פנים און האט ליב צו דערציילן וויצן . . . און טאקע אויף א שנעלן אופן. און די שטארקסטע פיילן האט ער ליב ארײנצושיסן אין זיך אליין . . .

און אויך ביי א וויץ טרויט ער זיך ניט . . . איז עס א וויץ? קוקט ער אייך טאקע ווידער אריין אין די אויגן.

— טאקע? ס׳איז א וויץ? . . .

⁂

א מאדנער מענטש דער ז. ז.

אין תוך סענטימענטאל, ליריש, גוטמוטיק און פארגעבלעך ווי א קאפּיטל תהלים.

אבער אין דער זעלבער צייט איז ער א קנאי ביז גאר . . . ער איז גרייט צו גיין אין שלאכט ניט נאר פאר דעם יידישן פאלק, נאר אפילו פאר דעם צווייג 83, אידיש־נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד.

און אין זיין קנאות איז ער גרייט צו קעמפן, פערטלען שונאים און קעגנער . . . הענגען זיי — איז ביי אים א קינדער־שפיל . . .

און ער — דער גוטער ברודער, ווערט שרעקלעך בייז ווען ער מאנט ביי אייך א פאר דאלאר פאר א מצוה־זאך, פאר א קולטור־ענין, פאר א שול, פאר ארץ־ישראל.

— וואס הייסט, איר ווילט ניט געבן? — אז איך גיב, מעגט איר אויך! . . . — און ער איז דאמאלס באמת אין כעס . . .

⁂

ז. ז. איז א מאדנער מענטש:

איר קאנט עס זען אויך פון זיין נייעם ספר „טעאטער־מאזאאיק".

ער האט אין זיין ספר ארײנגענומען „שכנים", פרעמדע שרייבער, וועלכע קריטיקירן אים שארף און ביטער . . .

פרעגט זיך: וויפיל שרייבער ביי אונדז קאנען טאן אזא זאך? אויסגעבן געלט אויף פאפיר, דרוק און אײנבאנד, געבן פלאץ אנדערע, זיי זאלן אים זידלען?

ער טוט עס . . .

אמת, ער ענטפערט זיינע קריטיקער און ווייזט ווי זיי ווידער־שפרעכן זיך . . . אבער א ריזיקע איז עס דאך פארט, ווייל וואס טוט

ער ווען איינער אַ לייענער לייענט בלויז איבער אין בוך ד״ר מוק־דוניס אָדער ד״ר שאַצקיס אַרטיקלען און גייט ניט ווייטער? . . .

איז טאַקע זלמן זילבערצווייג חוץ אַנדערע מעלות — אויך אַ ריזיקאַנט .*.

⁂

קורץ: ז. ז. איז בטבע אַ גלויביקער. נאָר ער איז תמיד אויף דער וואַך ווי אַ סקעפּטיקער. ער האָט אַ סך געריייזט, געזען וועלט און מענטשן, עוולות אודאי אויך, און — בלייבט אַן אייביקער פרעגער „טאַקע"?

*) אַזוי ווי דער יודישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט וועט מסתמא פּראָקלאַמירן אַ ספּעציעלן פאָנד און באַשטימען אַן עקסטרא קאַטעדרע פון געלערטע און פאָרשער, וואָס זאָלן דערגיין דעם סוד פון דעם וואָרט „אנבב"ב", וויל איך דאָ פאַרשפּאָרן אַ נייי אַנשיקעניש אויפן פאָלק ישראל, און בין מגלה סוד, אַז דאָס מיינט „אדם נכר בכיסו, בכוסו, בכעסו". פעלט דאָך דאָ דער „בכוסו", זאָג איך עס צו ממלא צו זיין אויף זילבערצווייגס באַנקעט.

●

זלמן זילבערצווייג — דאָס לאָדזשער קינד

טייערער פריינט: אַלס איינער, וואָס שטייט מיט דיר אַקסל צו אַקסל ביי דער הייליקער רעליף־אַרבעט פאַר אונדזער אומגליקלעכער געפּלאָגטער שטאָט לאָדזש, בין איך שטאָלץ מיט דיין מיטאַרבעט.

נעם צו מיינע האַרציקע ברכות אין דיין ווייטערדיקן קינסטלער־רישן און געזעלשאַפטלעכן וועג און לאָמיר דערלעבן גאָר אינגיכן אַ באַפרייט לאָדזש, וואָס זאָל ווידער קאָנען אַרויסגעבן אַזעלכע קינדער ווי דו.

דיין,

מאַקס אַבערמאַן

מיטגליד פון פאַראייניקטן רעטונגס קאָמיטעט פאַר לאָדזש

אלי' זינגער

די ליטעראַטור ביי דער שיסל

(זלמן זילבערצווייג)

ביי זלמן זילבערצווייגן איז אַ גאַנץ יאָר שבועות, ניט דערפאַר, וואָס ער האָט שטאַרק ליב די תורה, און ווייסט גאַנץ גוט, אַז שבועות האָבן יידן מקבל געווען די תורה אויפן באַרג סיני, נאָר ער האָט ליב שבועות צוליב גאָר אַן אַנדערע אורזאַך.

די אורזאַך איז קעז . . . קעז . . . און קעז . . .

אַז זלמן זילבערצווייג קומט אין ליטע־ראַרישן רעסטאָראַן, גיט ער אַ זאָג „אקדמות", ווייסט שוין דער קעלנער, אַז דאָס מיינט פראָסט און פשוט אַ שטיקל קעזקוכן מיט אַ גלאָז לייכטע קאַווע, וואָס זאָל זיין נישט קיין קאַווע און נישט קיין מילך. מעג עס זיין פסח, ניטל נאַכט, שמיני עצרת, אָדער עשרה בטבת, ער עסט אַלעמאָל קעז־קוכן. דערפאַר, זאָגט ער, וועט ער לאַנג לעבן, ווייל קעז איז אַ זייער געזונט מאכל. ער דרינגט דאָס פון די בולגאַריער, וואָס לעבן לאַנג, ווייל זיי עסן קעז און טרינקען גאַנצע סקאָפּיעצעס זויערמילך, דעם געדיכטן ווייסן פליסיקייט, וואָס איז זויער. — ווען ניט קעז, — זאָגט ער, — וואָלט שוין אויף מיר לאַנג געוואַקסן מאָך, אפילו מיינע האָר פון קאָפּ זיינען שוין געוואָרן מילכיק, ווייס, פאַרשטייט זיך, מילכיקע האָר זיינען מיר געקומען פון זייער גוטע צייטן . . . אַרומ־געוואַנדערט איבער דער וועלט, געזוכט, און געפּאָרשט וויפל יידישע אַקטיאָרן מאַטערן זיך ביים יידישן טעאַטער, וויפל זיינען געשטאָרבן, זייער אָפּשטאַם, זייער יחוס, און איצט בין איך אַ מילכיקער מיט ווייסע האָר.

זילבערצווייג וויצלט זיך און בשעת מעשה אַטאַקירט ער דעם קעזקוכן פון אַלע זייטן, ער פּאָסמאַקעוועט זיך און אַז דער קעלנער וויל הערן ביי אים עפּעס אַ מבינות וועגן אַ פּיעסע אָדער אַן אַקטיאָר, דרייט ער זיך אַרויס דיפּלאָמאַטיש און גיט ווידער אַ זאָג „אקדמות", וואָס מיינט „גיט מיר נאָך אַזאַ פּאָרציע קעזקוכן".

דער קעלנער ווייסט, אַז זילבערצווייג איז אַ גרינגער גאַסט, וואָס באַדערט ניט, ער עסט זיך זיין פּאָרציע קעזקוכן, און היידאַ צו דער אַרבעט.

אָבער דאָסמאָל בלייבט זילבערצווייג לענגער זיצן ווי געוויינטלעך, ווארום חיים ערענרייך, זיין אינטימער פריינט פון זיין ערשטער מינוט אין אַמעריקע, האָט אים בלאָקירט מיט אַ בענקל און לאָזט אים זיך ניט אויפהויבן. יעדעס מאָל, וואָס זילבערצווייג שטעלט זיך אויף אַוועקצוגיין, גיט ערענרייך אַ זאָג: „זיצט נאָך אַביסל", זעצט זיך זילבערצווייג ווידער אַוועק און ביידע שמועסן ווייטער. מען הערט יעדעס מאָל די ווערטער: אַקטיאָרן־יוניאָן, אַרגענטינע, גוסקין, מאָריס שוואַרץ, קאַליך, וולאַדעק, — זילבערצווייג פאַרגעסט שוין, אַז ער דאַרף לויפן און ער דערציילט איינע פון זיינע מעשה'לעך, ווי אב. קאַהאַן האָט מיט אים איינגע'טענה'ט ער זאָל אָננעמען אַ שטעלע אין „פאָרווערטס" ווען ער, זילבערצווייג, איז געקומען פון פּאַלעסטינע, און זילבערצווייג האָט אים געענטפערט אַז ער האָט נאָר איין ציל, און צוליב דעם איז ער געקומען אין אַמעריקע — אַרויסצוגעבן דעם „טעאַטער לעקסיקאָן".

יעדעס מאָל ווען קאהאן האָט מיך באַגעגנט — דערציילט זילבערצווייג — האָט ער אָנגעהויבן מיט מיר ריידן וועגן אַ תכלית, אַז כ'זאָל אַרבעטן אין „פאָרווערטס", האָב איך געענטפערט „לעקסיקאָן", אָבער נאָכדעם ווי כ'האָב מיט די לעצטע כחות שוין אַרויסגעגעבן צוויי בענדער פון „לעקסיקאָן", האָב איך דוקא גענומען ריידן צו קאהאנען וועגן דעם וואָס ער האָט אַלעמאָל גערעדט צו מיר, האָט ער דוקא מיך געפרעגט — „וואָס מאַכט אייער לעקסיקאָן?". אַזוי האָב איך פאַרלוירן אַ שטעלע אין „פאָרווערטס" און געפונען אַ „לעקסיקאָן".

ער הויבט זיך ווידער אויף פון בענקל אַוועקצוגיין, גיט חיים ערענרייך אים ווידער אַ זעץ אַוועק אויפן בענקל און זאָגט: „גיב נאָר אַ קוק ווי אַ מענטש קען ניט איינזיצן. ס'איז דאָך רעכט, אַז מאָרגן פאָרט איר קיין אַפריקע!"

זילבערצווייג זיצט אַזוי לאַנג מיט ערענרייכן, ביז ער הויבט ווידער אָן זאָגן „אקדמות". דער קעלנער זאָגט אים אָבער מיט אַ וויינענדיקע שטימע, אַז קיין קעזקוכן איז מער ניטאָ, גיט זיך זילבערצווייג אַ שטעל אויף, לויפט אַרויס פון רעסטאָראַן. ערענרייך לויפט אים נאָך, שרייט אויף אים, אָבער זילבערצווייג לויפט, לויפט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינכאַפּן אין זיך וואָס מער יידיש טעאַטער־לעבן . . .

●

צו זלמן זילבערצווייג, מיין יוגנט חבר, אַ האַרציקע באַגריסונג צו זיין דרייסיק יאָריקן יובילעי פון ליטעראַרישן שאַפן.

יוסף גרין

וואָלף מערקור

מער—קור—יאָז

ביי זיין ערשטן אויפטריט אין לאָדזש אַלס „אָסוואַלד" אין די „גייסטער" איז געווען זייער וויניק באַ־גייסטער־ונג . . . האָט ער באַשלאָסן, אַז מיט ראָלן וועט ער קיינמאָל מער קיינעם נישט באַגייסטערן, אָבער זייט דאַן האָט ער אָנגעהויבן שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָלע: ער איז געוואָרן אַ ממונה איבער טעאַטער־פּראָבלעמען צוליב זיינע דראַמאַטישע ביכער און אָנגעהויבן צו ליידן פון גראַפאָמאַניע. ער האָט געשריבן ביאָגראַפיעס, מאָנאָגראַפיעס און געזאַמלט אויטאָגראַפיעס און פאָטאָגראַפיעס.

ער האָט געוואַנדערט, געגנישטערט, פאַרצייכנט, און נאָך אַ סך באַנקעטן, קאָנצערטן, מיטינגען און קאָפּדרייעכישן האָט ער דעם טעאַטער דערלאַנגט דעם ערשטן און צווייטן באַנד פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער""", אין וועלכע עס זיינען פאַר'חתמ'עט אַלע נעמען פון גרופּעס, טרופּעס, אַקטיאָרן, רעזשיסאָרן, דירעקטאָרן, סופלאָרן, דראַמאַטורגן פון „א" ביז „פּ".

ער האָט זיך צוליב דעם געשאַפן אַ הויכע רעפּוטאַציע, אַ סך כבוד און נאָך מער שונאים, כאָטש ער האָט אַ טבע צו פאַרגעסן צו געדענקען זיינע שונאים, וועלכע זיינען צאָלרייך, קאָלירררייך, קלאַנגרייך און ווערטערררייך, האָט ער אין די צוויי בענדער נישט דורכגעלאָזן אפילו די, וואָס האָבן אין יידישן טעאַטער אַזוי געווירקט ווי אַ וואַקום־בעזים אין אַ שטויב שטורעם. און טאָמער פעלט יאָ עמיץ, אָדער עפּעס וואָס, וועט דאָס פאַרריכט ווערן אין דריטן באַנד . . . אָבער דער דריטער באַנד וואַלגערט זיך נאָך אין זיין מחשבה. די נאָך נישט פאַר'כתיבה'טע נעמען פון פּ, צ, ק, ר, ש, ת, צאַפּלען זיך אין די געדערים פון אַלע זיינע מיט־„רעדאַקטוירים" און פאַרלעגער און ווערן נישט געבוירן.

דעם ווינטער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך „טעאַטער מאָזאַאיק"— אַ ליטעראַרישע זאַמלונג פון קוריאָזע זילבער צווייגן . . . און מיט זיין אויסוואַל פון מאַטעריאַל האָט ער זיך נישט מאָזאַאיקעט.

אבשלום זילבערצווייג

מיין אבא

מיין פאָטער, זלמן זילבערצווייג, האָט אַ מיסיע, אָבער איז ניט קיין מיסיאָנער.

דאָס בוך, וועלכעס מ'האָט איצט אין לייענען, איז דאָס איינציקע מיט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן וועגן מיין פאָטער זלמן זילבערצווייג אַלס מענטש און ניט אַלס לעקסיקאָגראַף, היסטאָריקער פון יידישן טעאַטער, נאָר אויך אַלס קעמפער פאַר די רעכט פון פוילישע יידן אין ארץ־ישראל, אַלס איינער פון די, וועלכע האָבן געהאָלפן גרינדן די טעקסטיל אינדוסטירע אין ארץ־ישראל, אַלס אַ פּערזאָנאַפיקאַציע פון אומאויסשעפּלעכע ענערגיע, און גלויביקייט אין אַן אידעע.

און וויבאַלד אַ פאָטער ווערט אויך אַמאָל פאַרעכנט אַלס אַ מענטש, וועל איך פּרובירן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אים אַלס פאָטער, אָדער ווי איך רוף אים „אבא" (אין דעם איז שולדיק מיין ארץ־ישראל'דיקע דערציאונג). עס איז פאַראַן אַ העברעאיש שפּריכ־וואָרט, אַז מען קאָן אַ מענטש דערקענען ביי דריי זאַכן: בכוסו, בכיסו, ובכעסו, אין יידיש מיינט עס, אַז דער אמת'דיקער כאַראַקטער פון אַ מענטש ווערט אַרויסגעוויזן 1) „בכוסו", ווען ער ווערט שכור, און ער רעדט און פירט זיך אויף אַן די צוימען פון עטיקעט, וועלכע האַלטן אים צוריק ווען ער איז ניכטער; אָבער אַזוי ווי די איינציקע געלעגנהייט ביי וועלכער מיין פאָטער פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן, איז פּסח צום סדר, אָדער ביי אַ שמחה ווען ער קאָן זיך ניט אָפּזאָגן דערפון, ניט באַליידיקנדיק דעם בעל שמחה, האָב איך אים אויף דעם עקזאַמען ניט געקאָנט שטעלן, דאַקעגן בין איך מיטן צווייטן פּונקט, „בכיסו", גוט באַקאַנט, און דער פאָלגנדער עפּיזאָד איז אַ גוטער ביישפּיל:

מיט אַ צייט צוריק, ווען איך מיט מיין מוטער זיינען נאָך געווען

אין ארץ־ישראל איז מיין אבא צוגעגאַנגען צו אַ פריינט זיינעם דאָ אין ניו יאָרק און אים געבעטן ער זאָל אים לייען 45 סענט אויף אַ פּאָר טעג. דער פריינט זיינער האָט טאַקע געוואוסט, אַז גראד איז מיין אבא דעמאָלט געווען אין אַ צייטווייליקן עקאָנאָמישן קלעם, אָבער עס איז אים געווען טשיקאַווע צו וואָס ער מוז האָבן אַזאַ קליינע סומע, און מיין אבא׳ס ענטפער איז געווען גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר אים — אַזוי ווי ער האָט קוים צוזאַמענגעקליבן די סומע, וואָס ער שיקט אונדז יעדן מאָנאַט, פעלן אים צו 45 סענט צום אויסגע־שטעלטן באַנק־טשעק און אַנשטאָט ער זאָל שיקן מיט אַ טאָלער ווייניקער איז אים גרייכער זיך צוצובאָרגן 45 סענט, און ער זאָל זיך פילן אומאַנגענעם אַבי זיין פאַמיליע זאָל ניט אויספעלן אַ טאָלער ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער בלייבט מיט אַ פאַרמעגן פון גאַנצע 3 סענט. . . .

און ניט נאָר צו זיין פאַמיליע האָט מיין אבא זיך אַזוי פאַר־האַלטן. איך דערמאָן זיך אין נאָך אַן עפּיזאָד, וועלכער איז פאָר־געקומען נאָך פריער. מיין אבא איז דעמאָלט געווען דער ארץ־ישראל׳־דיקער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס” און אַנדערע אויסלענדישע צייטונגען, אָבער אין דער צייט ווען די געשיכטע איז פאַרלאָפן, איז עס פּונקט געווען אַ פּאָר טעג איידער די מאָנאַטלעכע טשעקס פון די רעדאַקציעס האָבן געזאָלט אָנקומען. אין איינעם פון די טעג איז צו אונדז אין שטוב אַריינגעקומען אַ מאַן, וועלכער האָט זיך פאָר־געשטעלט אַלס אַ יידישער שרייבער פון פּוילן, און דערציילט, אַז ער געפינט זיך אין אַ גוואַלדיקער פאַרלעגנהייט, ווייל צוליב דעם גרויסן קריזיס, וועלכער האָט דעמאָלט געהערשט אין ארץ־ישראל, קאָן ער קיין באַשעפטיקונג ניט קריגן. דאַקעגן אין פּוילן גרייט מען זיך אויפצופירן זיינע אַ פּיעסע און ער האָט דאָרטן אַ האָפנונג תיכף צו פאַרדינען. צום גליק פאָרט אָפּ קיין פּוילן אין עטלעכע טעג אַרום אַ שיף, אויף וועלכער אַ שיפסקאַרטע קאָסט נאָר 5 פונט ($25), וואָס איז בלויז אַ האַלב פון געוויינלעכן פרייז פון אַ שיפסקאַרטע. ער פאַרמאָגט אָבער ניט מער ווי 3 פונט; 2 פונט, וועלכע זיין שוואָגער האָט אים געליען, און איין פונט, וועלכער דער ליידער שוין פאַרשטאָר־בענער העברעאישער דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט אים געבאָרגט. מער פאַרמאָגט ער ניט, און אויב ער וועט ניט תיכף שאַפן נאָך צוויי פונט, בלייבט אים ניט קיין אַנדער ברירה ווי זיך אַריינוואַרפן אין ים,

ווייל ביז די קומענדע ביליקע שיף וועט פאָרן, וועט ער שוין האָבן די 3 פונט אויך אויפגעגעסן און וועט אפשר שוין קיינמאָל ניט קאָנען צוזאַמענקלייבן גענוג געלט אויף צוריקפאָרן. אויסגעהערט די גע־שיכטע, האָט מיין אבא לאַנג ניט געטראַכט, ער האָט באַלד אַרויס־גענומען דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט און נאָכדעם ווי ער האָט עס געגעבן איבערגעציילט, האָט ער געזען, אַז ער האָט די געוויסע סומע . . . צו באַצאָלן פאַר צוויי מענטשן צוצופאָרן מיטן באָס צו דער „אשראי" באַנק, וואו ער האָט איינגעגעבן אַ ביטע אויף אַן הלוואה פון 2 פונט, און זיי תיכף באַקומען.



פאָטאָגראַפירט ניו יאָרק 1941

מרים און זלמן זילבערצווייג

און זייער בן־יחיד אבשלום

דער שרייבער איז מיט מזל אָפּגעפאָרן קיין פוילן, און יאָרן־לאַנג האָבן מיין אבא'ס פריינט, וועלכע האָבן געוואוסט פון דער גע־שיכטע, זיך געוויצלט אויף זיין חשבון און די 2 פונט וועלכע ער וועט שוין מער ניט זען.

יאָרן זענען אַוועק, מיין אבא איז שוין דעמאָלט געווען צום ווייפּלטן מאָל אין ניו יאָרק. איינמאָל, אַרויסגייענדיק פון „קאַפע ראָיאַל״ קומט אים אַנטקעגן אַ גרופּע מענטשן, און איינער פון זיי שרייט אויס הויך אויפן קול, און דערביי טייטלט ער מיטן פינגער אויף מיין אבא: „אָט איז דער מאַן, וועלכער האָט געראַטעוועט מיין לעבן״, און ער כאַפּט אַרויס $10, גיט מיין אבא, און זאָגט, אַז ער האָט לאַנג געוואַרט אויף דעם מאָמענט ווען ער וועט קאָנען דאָס געלט אים פּערזענלעך אָפּגעבן.

עס איז מסתמא ניט נויטיק צוצוגעבן, אַז זינט דעמאָלט זיינען זייביידע גוט באַפריינדעט געוואָרן.

* * *

אויב איך האָב זיך אַמאָל געוואונדערט פאַרוואָס עס איז אַזוי שווער אַריינצובערענגען מיין אבא אין כעס, איז עס היינט פאַר מיר שוין מער קיין סוד ניט. עס איז ניט בלויז דערפאַר וואָס ער איז פון דער נאַטור געבענטשט מיט אַ פולע מאָס גוטמוטיקייט, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין די הומאָריסטישע ווערטלעך, וואָס ער שמוגלט אַריין אפילו ווען ער האַלט אַן ערנסטע רעדע. הויפּטזעכלעך איז עס דערפאַר, וואָס כאָטש ער איז אַ הונדערט פּראָצענטיקער אידעאַליסט, ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך אין טאָג־טעגלעכן לעבן, איז ער אָבער אין דערזעלבער צייט אַ לאָגיקער.

ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער קאָן ניט רעגירן די גאַנצע וועלט מענטשן. ער פאַרשטייט, אַז ניט קוקנדיק וואָס זיין מיינונג זאָל זיין די סאַמע גערעכטסטע, האָבן אַנדערע מענטשן זייערע אייגענע איבערצייגונגען, און זיי פירן זיך אויף לויט זייער אייגענעם ווילן, און ניט ווי ער וואָלט געוואָלט, און וויבאַלד ער האַלט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן מיט דער מיסיע צו שאַפן אַ היסטאָרישן דאָקומענט וועגן די שאַפער פון יידישן טעאַטער און ניט צו ווערן אַ מיסיאָנער און איבעראַנדערשן די מענטשלעכע נאַטור, איז קיין וואונדער ניט, אַז ער ווערט ניט איבעראַשט אָדער אין כעס ווען איינער פון זיינע פריינט אָדער עמיצער פון זיינע פלענער ווערט ניט פאַרווירקלעכט אָדער פון זיינע פריינט איז ניט מקיים זיינע צוזאָגן א. ד. ג.

איינציקער וועג זיך צוזאמענלעבן מיט מענטשן, איז דורך ארויסזוכן זייערע פאזיטיווע זייטן און ניט אונטערשטרייכן זייערע חסרונות, און גליקליכערווייזע איז ער פון די געציילטע מענטשן, וועלכע זיינען ניט געבליבן בלויז ביים טעארעטישן באשלוס, נאר פירן עס טאקע דורך.

עס איז פאראן א יידיש שפריכווארט, אז „דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון ביימעלע", אבער טראץ דעם וואס מיין אבא ווערט באטראכט אלס א שנעלער שרייבער, קומט מיר אן דאס שרייבן גאנץ שווערלעך, ספעציעל ווען איך וויל שרייבן וועגן אים אלס פאטער, און ניט באנוצן דערביי קיין באמבאסטישע אויסדרוקן, ווייל זיי גיבן דעם לייענער אן איינדרוק, אז דער שרייבער איז ניט אויפריכטיק. דעריבער וועל איך זיך באנוגענען מיט זאגן, אז עס איז אפשר ניטא קיין איין זון, וועלכער קאן זיך ווינטשן א בעסערן פאטער, חבר און עצה־געבער, ווי מיין אבא איז געווען צו מיר ביז איצט. אונזערע אינטימע פריינט זיינען עדות ווי ער האט געהאנדלט לגבי מיך בשעת איך האב אים פאראורזאכט פיל מער עגמת נפש ווי אפילו דער געצערטלטסטער בן־יחיד מעג זיך פארגינען. און איך בין זיכער, אז אויב איך וועל זיך פארהאלטן צו אים איין צענטל אזוי גוט ווי ער האט זיך פארהאלטן צו מיר, וועט ער האבן גענוג נחת פון מיר צו פארגיטיקן פאר אלע עגמת נפש'ן, וואס ער איז שוין אויסגעשטאנען פון מיר.

•

מיין ליבן חבר זלמן זילבערצווייג

ווינטש איך נאך פיל יארן פון געזונט און פרייד. זאל ער אנגיין מיט זיין וויכטיקער ארבעט פאר דער יידישער ליטעראטור.

איטשע וו. בידערמאן

•

אונדזער געטרייען זלמנען
מזל־טוב פון טיפן הארצן.

סעם און סאניע קוסטין

מיין טייערער זלמן:

דערלויב מיר אויף אַ „פּריוואַטן" אופן דיר איבערצושיקן מיינע ברידערלעכע וואונטשן צו דיינע 30 יאָר פרוטכבאַרע אַר־בעט.

איך האָב געזען דיין מיזאַמע אָנשטרענ־גונג ביים „אויפקלויבן דעם אוצר" פון אונ־דזער אַזוי ביליק־צעפּאָרענעם טעאַטער־וועלטל, געזען דיך מיט פּיעטעטפולע כונות און דאָך מיט ציטערדיקע פינגער „מעסטן שורות" פון אונדזערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, און כ'האָב באַוואונדערט דיין לייטזעליקע געדולד, ווען נישט־פאַרגינער האָבן גע־שליידערט אָפט אומריינע שטיינער אונטער דיינע פיס.

פאַר ענלעכע באַמיאונגען און דערגרייכונגען ווערט מען אַ זאַט־געקרוינטער ביי אומות העולם — ביי אונדז מוז מען זיין צופרידן ווען מען ווערט ניט צוליב דעם דער „וויץ" פון יידישן געסל .

אָבער דאָס איז אונדזער גורל — זאָלן דיינע צוויי טוץ פאַר־עפנטלעכטע ביכער זיין דיין באַלוינונג.

מיט צוויי זאַכן בין איך דיך מקנא: מיט דיין הייליקער עקשנות און מיט דעם, וואָס דו קאָנסט זיך נאָך רויטלען. אָבער רויטל זיך ניט ביי אָט די אַלע קאָמפּלימענטן — דו האָסט זיי כשר פאַר־דינט. איך ווינטש נאָר, אַז דיין עקשנות זאָל דיר פאַרהעלפן אויך צו די ווייטערדיקע דערגרייכונגען.

מעגן אונדזערע „אני מאמינ'ס" און אָפט אויך אונדזערע וועגן זיין פאַרשידן — איין אויפריכטיקע כונה האָט אונדז ביידע שטענ־דיק פאַראייניקט ביי אונדזער געמיינזאַמער אַרבעט: די ליבע צום יידישן טעאַטער.

דיין,

יעקב מעסטל

ניו יאָרק, פעברואַר, 1941

די
אידישע
אַקטיאָרן
יוניאָן

אין אַמעריקע און קאַנאַדע
באַגריסט
איר ערן־מיטגליד

זלמן
זילבערצווייג

רעדאַקטאָר פון
„טעאַטער לעקסיקאָן"
צו זיין 30־יאָריקן ליטע־
ראַרישן יובילײ,
און ווינשט אים, אַז ער
זאָל זיין געזונט און ווײ־
טער דערפאָלגלעך אָנגיין
מיט זיינע ליטעראַרישע
טעטיקייטן.

ראובן גוסקין
עקזעקוטיוו סעקר.

די
אידישע
טעאַטריקל
עלייענס

ווינשט אַ האַרציקן מזל
צו איר ליבן פריינט און
ליבלינג פון דער יידישער
בינע־משפחה

זלמן
זילבערצווייג

צו זיין יובילײ.

מיר האָבן שטענדיק ארויסגעוויזן אונדזער סימפּאַטיע און מיטהילף צום יובילאַרס טעטיקייטן און מיר וועלן עס ווייטער טאָן ווען ער וועט עפּעס שאַפן פאַרן יידישן טעאַ־טער.

דזשין גרינפעלד
פּרעזידענט

טשאַרלס קאָהן
עקזעקוטיוו סעקר.

הערי קויפמאַן
פּראָטאָקאָל סעקר.

פריינט, באַקאַנטע און לאַנדסלייט פון יובילאַר זלמן זילבערצווייג, באַגריסן אים האַרציק צון זיין ליטעראַרישן יום־טוב!

לילי אַבערמאַן, איזי אייזנער, סעמיועל בלעכמאַן, דזשייקאַב בערג, לייבל דראַיאַרזש, וועלוועל דראַיאַרזש, משה דזשאַרגאַווסקי, וויליאַם דזשייקאַבס, לואי דייווידזאָהן, יוסף האָראָוויץ, שמעון האַקער, נחום לייב הונדערט, נחום הונדערט, הילדע האָראָוויץ, סעם האָראָוויץ, לילי האָראָוויץ, פעי האָלאַנד, ש. ווייסבערג, אלי׳ זינגער, צבי הערש טאַטאַרסקי, משה טשוזשי, יוסף טשערניק, א. מ. טשאָרקאָוו (בעיאָן), נ. יורעיקין, נחום יעביץ, עליס יאַפין, לייב לאַנדין, חיים לאַמפּערט, הערי ליבערמאַן, אסתר לאָוו, רחל ז. ליטמאַן, חיים מוסין, יעקב מילער, הרב יחיאל חיים מעקלער, יונה מאָסקאָווסקי, דר. אברהם נעמזער, יצחק נעמעץ, בתיה ספיר, ישמואל עהרליך, אַלבערט עפּשטיין, י. פאַרגמענט, סילוויאַ פּערלמוטער, זלמן חיים פּאָדאָלסקי, הערי פלאַטקין, חנה פּרידמאַן, קלמן פרידמאַן, אַדעלאַ פרידמאַן, אב. פעלדמאַן, העלען פּאַדאָ, איזי פרידמאַן, סאַבינאַ פרידמאַן, באַרנעט קאָהן, סעם קאַצאַנאָק, הערי קאַזשדאַן, פיליפ קעניגשטיין, יעקב קאָפּלער, דוד קאָסאָווער (בעיאָן), פּערל ראַגאַווסקאַ, יצחק יעקב ראָזען, אהרן צבי ראָזען, ב. רויטמאַן, נח ראָטמאַן, לואי ראָזענבערג, יעטאַ ראָזענבערג, לואי ראָטענבערג, איוואַ ראָטענבערג, מאַקס שטופלער, קלמן נחום שפר, אריה לייב שפר.

●

פאָלגענדע מיטגלידער פון „לאָדזער פרענדס בענ. אַסס׳ן באַגריסן האַרציק דעם לאָדזשער געזעלשאַפטלעכן טוער און שריפטשטעלער זלמן זילבערצווייג צו זיין יובילעי!

לואיס אָפּערט, מאָרים אייזענשטיין, נ. בוימגאַרטען, מייק גוטהערץ, א. גרינבערג, סעם דזשייקאָבס, היימאַן האָרניק, י. ווייזענבערג, טשאַרלס זילבערבערג, סעם זעלדין, בעני טראָי, לואיס לאַווענדאַ, דזשעק מייער, הערי מייערס, בעני פליקער, מאָרים פליישער, מאַקס פרענקעל, דזשאָו קאָהען, הערי קירשטיין, הערי קעלער, לעאָ ראַקאָווסקי, ה. ראָזענבלאַט, מאַקס ריז, מאַקס ראָזענצווייג, אהרן ריז, גבריאל שוואַרץ, באַרני שטיינבערג.

●

פון פולן האַרצן גראַטולירט איך מיין געערטן פריינט זלמן זילבער־צווייג, דעם אַקטיוון מיטגליד פון דער לאָדזשער רעליף, צו זיין גרויסן יום־טוב, ביי וועלכן ער האָט לאָדזש אויך ניט פאַרגעסן, און אַוועק־געשאָנקען כמעט אַ האַלבן זאַל פאַר לאָדזשער רעליף. כ׳בין שטאָלץ אויף אַזאַ לאָדזשער קינדן

סעידי ריז
טרעזשורער פון
פאַראייניקטן לאָדזשער רעטונגס קאָמיטעט

הארציקע באַגריסונג

פון

אַמעריקאַנער

לואיס גערסאָן

פּאַבלישער

טריאָ פּרעס

37 איסט 18טע סטריט

ניו יאָרק סיטי

באַגריסט האַרציק איר ליבן פריינט זלמן זילבערצווייג, צו זיין ליטעראַרישן יובליי און ווינשט אים איינגיכן צו קאָנען דרוקן דעם דריטן באַנד פון „טעאַטער לעקסיקאָן“.

אַמאַלגאַמייטעד באַנק

באַגריסט האַרציק

דעם יובילאַר

זלמן זילבערצווייג

עס פרייט מיך צו באַגריסן

מיין געשעצטן פריינט

זלמן זילבערצווייג

צו זיין יובילייַ

יעקב ר. שיף

מיין האַרציקע באַגריסונג צו
מיין ליבן פריינט זלמן זיל־
בערצווייג צו זיין יובּילוי.

עמיליע אַדלער

מיין פריינט זלמן זילבער־
צווייג צו זיין יובּילוי באַגריס
איך האַרציק.

זינאַ גאָלדשטיין

מיין לאַנדסמאַן זלמן זילבער־
צווייג באַגריס איך האַרציק.

ישראל שערמאַן

ווייס. פרעז. פון יונייטעד
עמזירדזשענסי רעליף קאָמיטעט
פאַר לאָדז

אַרט ביינדערי

148 לאַפאַיעט סט., ניו יאָרק
באַגריסט דעם יובּילאַר
צו זיין דרייסיק יאָריקן יובּילוי

מיין אמתן לאַנדסמאַן און
אמתן פריינט
זלמן
מזל טוב און מזל טוב.

הערמאַן סיעראַצקי

זילבערצווייג דערמאָנט מיך
לאָדזשער סקאַלאַ טעאַטער, און
ממילא מיין טייערע מוטער,
וועלכע האָט דאָרט געאַרבעט
מיט אונדז, ווען מיר זיינען
נאָך קליין געווען.

לאָמיר ווינטשן זילבערצווייגן
צו דערלעבן אינגיכן אַ באַ־
פרייט לאָדזש.

לעאָן ראַקאָווסקי

איך קען דעם יובילאַר זלמן
זילבערצווייג די גאַנצע דרייסיק
יאָר און ווינטש אים נאָך 30
יאָר פון פרוכטבאַרע טעטיקייט.

דער אָריגינעלער

קאָטליצקי

81 סעקאַנד עוועניו

מיר יידישע שרייבער און צייטונגס־מיטאַרבעטער באַגריסן האַרציק אונדזער קאָלעגע זלמן זילבערצווייג צו זיין יובילייז!

דוד אײדעלסבערג, מיכל אַראָנסאָן, גרשם באַדער, א. בלום, בר־יוסי (יעקב קרעמען), ל. ס. ביעלי, דוד בערנשטיין, יעקב גלאַטשטיין, חיים גוטמאַן, דר. ה. ל. גאָרדאָן, דוד דרוק, משה דוכאָווני, ש. י. דאָרפזאָהן (לאָנדאָן), יצחק זאַר, ש. יודסאָן, קדיש יפה, ד. ל. מעקלער, יעקב מאַגידאָוו, מרדכי מישקין, אהרן ניסענזאָן, מ. י. נירענבערגער, שאול ספיר, ב. עפּעלבוים, יעקב פישמאַן, וויליאַם צוקערמאַן, ל. קוסמאַן, יעקב קירשענבוים, בנימין קאַפּקע, א. רעוואוצקי, משה ריבלין, אבא רייכמאַן, וויליאַם ראַקאָוו, ב. שעלווין, ש. ל. שניידערמאַן, דר. י. שניצער.

●

מיר יידישע שוישפּילער און קינסטלער באַגריסן אונדזער טייערן פריינט זלמן זילבערצווייג צו זיין יובילײ און ווינטשן אים נאָך אַ סך כח אויסצוקומען מיט אונדז

מנשה אָפּענהיים, באָריס אויערבאַך, דזשוליוס אַדלער, יהודה בלייך, וואָלף באַרזעל, סעם בראָנעצקי, בעטי בודאַנאָוו, יעקב בערגרין, סעם בלומשטיין, אסקאַר גרין, דיינע גאָלדבערג, אירווינג גראָסמאַן, דזשין גרינפעלד, ראָזע גרינפעלד, שאַרלאָט גאָלדשטיין, וואָלף גאָטעסמאַן, משה דאָרף, היימי דזשייקאָבסאָן, אירווינג דזשייקאָבסאָן, הענריעטאַ דזשייקאָבסאָן, דינה האַלפּערן, מאַקס ווילנער, רבקה ווײנטרויב, לואיס וויסבערג, מייק ווילענסקי, עני ווייסמאַן, לודוויג זאַץ, עדמונד זאַיענדאַ, אַננאַ טייטעלבוים, פּנחס יאַסינאָווסקי, ליליען יאַסינאָווסקי, אהרן לעבעדעוו, אָלאַ ליליט, לאָלאַ, אברהם לאַקס, איזידאָר לעש, מיכאַל מיכאַלעסקאָ, ישראל מאַנדעל, מאַקס פרידלענדער, מאַקס קלעטער, פּאָלאַ קליידאַ, סעמיועל ה. קאָהן, רות רענעי, זילי ראַבינאָוויטש, סימאָר רעכטצייט, משה ראָוך, מיכל ראָזענבערג, מעי שעהנפעלד, סאַלטשע שאָר.

די עקזעקוטיוו פון יובילײ־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: חיים עהרענרייך (פאָרזיצער), שלום פערלמוטער (סעקרעטאַר), ראובן גוסקין, שאול ספיר, משה ריבלין, שלום סעקונדאַ, מאַקס אָבערמאַן, לילי אָבערמאַן, מאַקס ריז, סעידי ריז, דזשעק פעלדאָן, רעגינאַ פעלדאָן, פיליפ לאַסמאַן, ב. י. פערלמוטער, מאיר קאַסטאָף און ה. וואַקסבערג.

JUBILEE BOOK

DEDICATED TO

ZALMEN ZYLBERCWEIG

ON THE THIRTIETH YEAR OF HIS

LITERARY ACTIVITIES

•

New York 1941